בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת דברים תשפ"ה

### פון ב' אב – ביז ח' אב

**לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים**
**ב"ר ארי' ע"ה**
**ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר'**
**משה יהודה ע"ה**
**לעילו נשמת רחל חי' רבקה בת ר' יצחק ע"ה**
**נפטר כ"ג תמוז**

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדטש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 907-9119 (646)**

## זונטאג – ב' אב

הגה"צ רבי יצחק טוביה ב"ר שלמה זי"ע, (ווייס), גאב"ד ירושלים.

## מאנטאג – ג' אב

הגה"ק רבינו המקובל הגדול רבי שמשון ב"ר פסח זי"ע, הי"ד, בעל דן ידין, מאוסטרופולי.

## דינסטאג – ד' אב

הרה"ק רבי בן ציון ב"ר שלמה זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם), בעל קדושת ציון, מבאבוב.

הרה"ק רבי יהושע העשיל ב"ר חיים שמואל זי"ע, הי"ד, (הורוויץ-שטערנפעלד), מחנטשין, עלקוש.

## מיטוואך – ה' אב

הרה"ק רבינו המקובל האלקי רבי יצחק ב"ר שלמה זי"ע, (לוריא-אשכנזי),

הנקרא האריז"ל, אדער אר"י הקדוש.

## דאנערשטאג – ו' אב

הגה"ק רבי נתן מאז ב"ר שלמה זי"ע, (אופנבאך), בעל בנין שלמה, ראב"ד ומו"ץ בפרנקפורט-דמיין.

## פרייטאג – ז' אב

הגה"ק רבי משה ב"ר עמרם זי"ע, (גרינוואלד), בעל ערוגת הבושם, אב"ד חוסט.

## שבת קודש – ח' אב

הרה"ק רבי מנחם ב"ר אברהם זי"ע, (ברודא), בעל באר מנחם, אב"ד ור"ם קאלוב.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג ב' אב**

**הגה"צ רבי יצחק טוביה ב"ר שלמה זי"ע, (ווייס),**
**גאב"ד ירושלים,**

ער איז געבוירן אין שטאט פזינוק אין סלאוואקיי, ט"ו אלול בשנת תרפ"ו,

אלס דעם צענטן קינד צו זיין טאטע, הגה"ק רבי שלמה זי"ע, מפארי וחשובי קהילה קדושה בפעזינג,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת ריקל ע"ה,
בת מוה"ר יונה אדלער מפעזינג זי"ע,
בן מוה"ר משה אהרן אדלער זי"ע פון די תלמידים מובהקים פון הגה"ק בעל חתם סופר זי"ע,

דער גאב"ד רבי יצחק טובי' זי"ע איז געווען מפורסם אלס א גאון עצום בתורה און א למדן נפלא, ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, זיין גאנצע התנהגות איז געווען מיט א געוואלדיגע ביטול און עניוות, ער האט פון זיך בכלל נישט געהאלטן, נאר אדרבה דער ראב"ד האט מכבד געווען יעדן איד נישט קיין חילוק ווי גרויס יענער איז, אדער ווי אלט יענער איז, מען האט גאר אסאך מאל געקענט זעהן, ווען א איד איז ארויף געקומען צום גאון אין שטוב, איז דער גאון בכבודו בעצמו ארויס אריין ברענגען כיבוד פאר יענעם, ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל, און זיך אוועק געגעבן פאר אן אנדערן איד בלב ובנפש,

דער טאטע איז געווען א תלמיד חכם מופלג און א גרויסער ירא שמים, ער האט געלערנט ביי זיין רבו מובהק הגה"ק רבי משה פאהאנד ממאקאווא זי"ע, אין שטאט נייטרא, נאך אכט יאר איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק בעל שבט סופר מפרשבורג זי"ע,

ביים פארלאזן די ישיבה אין נייטרא האט אים זיין רבו מובהק רבי משה זי"ע געשריבן א מכתב, און בתוך הדברים שרייבט ער בזה"ל "הבחור מורנו ר' שלמה ווייס", דארט אין ישיבה אין פרשבורג האט מען אים גערופען "דער מורנו בחור", און אויך ווען מען האט אים אויסגערופן צו די תורה, האט מען געזאגט "יעמוד מורינו הרב ר' שלמה בן החבר ר' דוד", און דער גאב"ד האט טאקע געבעטען אין זיין ביהמ"ד, אז מען זאל אים אויסרופן "בן מורינו ר' שלמה",

די טאטע האבענדיג קנ"ה א שטוב פון צען קינדער האט עוסק געווען במסחר באמונה, און געהאט א האלץ געשעפט פון ווי ער האט געצויגען פרנסה, אבער מיט דעם אלעם איז דער טאטע געזעצן על התורה מיט א געוואלדיגע התמדה און יומם ולילה געווען אריינגעטון אין תורה, און אויך האט ער מרביץ תורה געווען פאר בעלי בתים, פארלערנענדיג שעורים ביי זיך אין שטוב מיט א מסירת נפש,

אויך דעם עבודת התפילה ביים טאטן איז געווען מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש, ווי דער גאב"ד זי"ע האט דערציילט, אז א פשוטע וואכען דאווענען איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע מתיקות און א ברען, וואס דאס האט איבער געלאזט א גרויסע השפעה אויפן זוהן דער גאב"ד זי"ע, אויך איז ער געווען דער בעל תפילה און בעל תוקע ימים נוראים אין זיין שטאט און זיינע תפילות האבן אריין געברענגט אין אידישע קינדער א הרהור תשובה אין די הייליגע טעג,

דער גאב"ד זי"ע האט אמאל דערציילט, אז דאס בענטשן ביים טאטן זי"ע אין א סתם וואכן טאג, איז געווען מיט א כוונה עצומה און א התעוררות נוראה, און דער גאב"ד האט געזאגט אז אפילו אין זיינע עלטערע יארן איז אים נאך געבליבן די מראה ווי אזוי דער טאטע זי"ע האט געזאגט די ווערטער, "שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד" מיט א גרויסע התרגשות, און ווי אזוי דער טאטע האט געזאגט "ובנה ירושלים" מיט געוואלדיגע געגועים אויפן גאולה שלימה, און דער גאב"ד האט זיך אמאל אויסגעדריקט בזה"ל, "הלואי זאל מיין תפילות נעילה יום הקדוש זיין אזוי ווי דער ברכת המזון פון מיין טאטן זי"ע",

דער טאטע האט גאר אסאך עוסק געווען אין גמילות חסדים, ביקור חולים און חברא קדישא, אבער על כולם האט דער טאטע מיט מסירת נפש עוסק געווען אין מצות הכנסת אורחים, זיין שטוב איז געווען אפען פאר יעדן איד וואס האט געברויכט סיי וואס, און אפילו האבענדיג קנ"ה א שטוב פון צען קינדער, האט דער טאטע צוזאמען מיט די מאמע ע"ה מיט א געטריישאפט און מסירת נפש אריין גענומען יעדן איד צו זיך אין שטוב,

ליידער בשנת תש"ג ווען דער גאב"ד איז געווען 17 יאר אלט האט מען אוועק גענומען זיינע עלטערן און כמעט די גאנצע משפחה קיין אוישוויץ, און זיי זענען אלע אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש,

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן יצחק טוביה, יצחק נאך הגה"צ רבי יצחק יהודה שטערן זי"ע די טאטע פון הגה"ק רבי אברהם שטערן בעל מליצי אש אב"ד ניהייזיל זי"ע, און דעם נאמען טוביה האט מען געגעבן נאך משה רבינו ע"ה וואס איז איינע פון די נעמען מיט וואס משה רבינו ע"ה איז גערופען געווארן,

און יענע צייטן האט מען לויט די געזעץ אין מדינות סלאוואקיי נאר געקענט אויף שטעלן א תלמוד תורה אין די גרויסע שטעט, אבער אין שטאט פעזינג סלאוואקיי האט מען נישט געקענט האבן א תלמיד תורה, און דערפאר האבן די קינדער געמיזט גיין אין דעם שטאטישען שולע צוזאמען מיט די גוים, און פאר זיין טאטן האט דאס זייער ווי געטון, דערפאר יעדן טאג בעפאר ער איז געגאנגען אין שולע, האט דער טאטע געלערנט מיטן קינד לימודי קודש, און אויך ווען מען איז אהיים געקומען זענען אלע אידישע קינדער געגאנגען לערנען ביים מלמד ר' חיים פריעדמאן ז"ל,

דער טאטע אפילו זייענדיג גאר פארנומען במסחר, האט ער אבער יעדן טאג חק ולא יעבור געלערנט מיט אלע זיינע קינדער חומש רש"י, און ביי די 6 יאר האט ער שוין געלערנט מיט זיין זוהן יצחק טוביה משניות און ביי די 7 יאר האט ער געלערנט מיט זיין באליבט קינד גמרא, און דער גאון איז גאר שנעל געוואקסן אין

תורה, און געווען פון די גרויסע תלמידי חכמים אונעם שטאט, ער האט גאר אסאך תורה געלערנט פון זיין הייליגען טאטן און געווען דאן שוין באוויסט אלס א למדן נפלא,

דערציילט מען אז ביי די 11 יאר אלט האט דער גאב"ד זי"ע געלערנט דעם הייליגען ספר "עת לעשות" פון הגה"ק רבי הלל מקאלאמיא זי"ע, און בתוך הדברים האט ער געזען וואס דער צדיק שרייבט לגבי לערנען אין א גוישע שולע, און ער איז געווען זייער צובראכן, פארוואס ער ברויך לערנען אין די גויישע שולע יעדן טאג,

דעם קומענדיגן טאג האט ער זיך זייער אויסגערעדט צום טאטן, אז ער וויל מער נישט גיין לערנען אין שולע, נאר ער וויל גיין אין א אידישע תלמוד תורה, אבער דארט אין שטאט איז נאר געווען א ישיבה, וואס דארט האט מען נאר געקענט לערנען פון די 15 יאר און עלטער, האט דער קינד געבעטן אז ער וויל מען זאל אים שיקן אין א תלמוד תורה אוועק פון שטאט, ווי איידער צו לערנען אין די שולע מיט גוים,

דער טאטע האט אבער גארנישט געוואלט טון אן פרעגן א דעת תורה, איז דער טאטע אריבער צום שטאט גאלאנטא צו הגה"ק רבי יהושע בוקסבוים זי"ע, הי"ד, און אן געפרעגט וואס ער זאל טון מיטן קינד, צו ער זאל אים שיקן לערנען אוועק פון דערהיים, אדער זאל דער קינד בלייבן לערנען אינעם נישט אידישע שולע,

האט דער הייליגער צדיק רבי יהושע בוקסבוים מגאלאנטא זי"ע געזאגט פארן טאטן בזה"ל, "עס איז בעסער צו לערנען אין א גויישע שולע נעבן טאטן'ס טיש, ווי איידער צו לערנען אין א אידישע מוסד ווייט פונעם טאטן'ס טיש", און געגעבן א ברכה פארן קינד אז ער זאל אויסוואקסן א ערליכע איד אין א גדול בתורה,

לימים האט דער גאב"ד זייער מכיר טובה געווען פארן גאלאנטא רב זי"ע פארן הייסן בלייבן אינדערהיים, און געזאגט כמה גדולים דברי חכמים, ווייל אפאר יאר שפעטער האט ליידער אויס געבראכן די ביטערע מלחמה, און ער האט געמיזט אנטלויפן פון דערהיים זיך צו ראטעווען, און ער האט מער נישט געהאט די זכי' צו זעהן זיין טאטן, און די פאר יאר וואס ער האט נאך געהאט בעפאר מיטן טאטן, האט ער כמעט רוב פון זיין תורה געלערנט מיטן טאטן,

בשנת תרצ"ט האט זיך שוין ליידער אנגעהויבן די צרות אויף אידישע קינדער דורך די דייטשן ימ"ש, און איינע פון די ערשטע שטעט ווי זיי זענען אן געקומען איז געווען אין פעזינג, בעצם יום השבת זענען זיי אריין געקומען אין שטאט, און זיי האבן גלייך אינטער געצינדען דעם שוהל, און די טאטע מיט די קינדער פונעם גאב"ד זענען געלאפן ראטעווען די ספרי תורות, אויך האבן די דייטשן ימ"ש ליידער געכאפט דעם רב פון שטאט הגה"ק רבי יהושע לייב שילל זי"ע, הי"ד,

גלייך נאך שבת האבן די ראשי קהילה געוואלט שיקן א שליח מודיע צו זיין די ביטערע נייעס פארן שטאט פרשבורג, האט מען אפ געמאכט אז די בעסטע וואלט געווען צו שיקן א יונגע שליח, וואס די דייטשן וועלן זיך נישט אזוי צוטוון מאכן אויב זיי טרעפן אים, און מען האט אויס געקליבן דעם קינד יצחק טוביה אז ער זאל גיין קיין פרשבורג,

ווען ער איז אנגעקומען קיין פרשבורג, האבן די קהלה דארט אין פרשבורג געזאגט, אז זיי וויסן שוין ליידער וואס עס טוט זיך מיט די צרות, און עס איז גארנישט דא וואס צו טון, אבער בהשתדלות פון הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זי"ע, האט מען ערלעדיגט א "קינדער טראנספארט", וואס קען ערהאלטן אפאר הונדערט קינדער וואס וועלן פארן קיין לאנדען ענגלאנד, און צווישן זיי קען זיין 10 קינדער פון שטאט פרשבורג, און עס איז נאך דא איין פלאץ, און אויב ער איז מסכים קען ער פארן מיט דעם טראנספארט,

ער איז גלייך צוריק צו זיינע עלטערן פרעגן אויב זיי זענען מסכים, אז ער זאל אוועק פארן מיט דעם טראנספארט, און די עלטערן האבן מסכים געווען, און די טאטע האט אים מיט געגעבן א סידור, ווי ער האט אריין געשריבן דברי חיזוק און אמונה, און דאן האט ער זיך געזעגענט פון זיינע עלטערן, זייענדיג נאך אינטער די בר מצוה, און ליידער האט ער זיי שוין קיינמאל מער נישט געזען, ווייל זיי זענען אפאר יאר שפעטער ליידער אומגעקומען על קידוש השם הי"ד,

נאך א לאנגע וועג פון גאר אסאך שוועריקייטן, איז דער טראנספארט אנגעקומען בשלום קיין לאנדאן בחודש סיון בשנת תרצ"ט, און דארט האט מען צעטיילט די אלע קינדער אין אידישע מוסדות, און דעם גאב"ד האט מען אריין געשטעלט אין א מוסד וואס איז נישט געווען קיין חרדים, דער מנהל איז געווען הרב רבי שלמה שאנפעלד ז"ל,

אבער דעם ערשטן שבת ווען ער איז אנגעקומען אונעם חדר השינה, איז אים ממש שלעכט געווארן פאר די אויגן, ווען ער האט געזען אז די קינדער דארט זענען מחלל שבת ל"ע, ער איז געלאפן צום מנהל און דערציילט וועגן די חילול שבת, און ער האט אויך מוחה געווען אויף דעם חילול שבת, אבער ליידער די קינדער האבן זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון זיין מחאה,

גלייך נאך שבת איז ער אריבער, און זיך איינגעבעטן ביי הגה"צ רבי שמחה רובין מסאסוב זי"ע, אז ער זאל אים אריין נעמען אין זיין מוסד, וואס האבן אויך געהאט פליטים קינדער, און דארט האבן געלערנט חסידישע קינדער, און דארט האט ער געלערנט מיטן מחנך רבי שאול שאפער זי"ע, וואס איז נאך דאן געווען א בחור, און ער האט געלערנט מיטן גאב"ד דארט אין דעם חסידישען מוסד,

ט"ו אלול בשנת תרצ"ט האט ער בר מצוה געהאט, און דער טאטע האט שוין געהאט בעפאר געשיקט תפילין מהודרים, וואס דער טאטע האט שוין געהאט באשטעלט פון פריער, אבער עס איז נאכנישט געווען גרייט ווען ער איז אפגעפארן קיין לאנדאן, און אלס דורן לבר מצוה האט ער באקומען פון סאסובער רב א קיצור שלחן ערוך, וואס רבי יצחק טוביה האט דאס גרינטלעך דורך געלערנט גאר אסאך מאל,

ליידער אפאר וואכן נאך די בר מצוה פונעם גאון, האט זיך די מלחמה אנגעהויבן, און די ממשלה אין לאנדאן וואס זענען געווען

אחריות אויף די קינדער, האבן מורא געהאט אז די דייטשן וועלן אנקומען אויף קיין לאנדאן, האבן זיי פארשיקט די קינדער צו ווייטערע שטעט, כדי נישט צו זיין אויפן פלאץ ווי זיי האבן מורא געהאט אז די דייטשן ימ"ש קענען דארט אנקומען, האט מען די קינדער געשיקט צו א שטאט אילי,

דארט האבן די קינדער ליידער גאר אסאך מיט געמאכט, ווייל זיי האבן דארט געוואוינט ביי גויישע שטיבער, און אויך איז דארט אנגעקומען א רשע א משומד ד"ר מאנדעל ימ"ש, וואס איז געווען א מיסיאנער, און ער האט פראבירט צו צורעדן די קינדער אז מען זאל עסן טריפות, אבער רבי יצחק טוביה האט מיט מסירת נפש ממש, מחזק געווען די קינדער, אז זיי קומען פון ערליכע אידישע שטובער און זיי זאלן וויסן אז די זעלבע באשעפער פון פרשבורג איז אויך דא מיט אונז,

נאכן פראבירן אפאר מאל צו אנטלויפן פון דארט, איז פאר אים געלונגען צו אנטלויפן, און ער איז אנגעקומען צו א שטאט בורנמוט, און דארט איז געווען א חסידישע ישיבה געפירט דורך הגה"צ רבי יענקעלע שפירא זי"ע א אייניקל פון דעם הייליגען בני יששכר זי"ע, און דארט האט ער געלערנט פאר א קורצע צייט,

דערנאך איז ער צוריק אן געקומען קיין לאנדאן צום סאסובער רב, און דארט האט ער פאר א שיינע פאר חדשים געלערנט מיטן רבין און גאר אסאך תורה דאן געלערנט פונעם הייליגען סאסובער רב זי"ע,

ביי די 14 יאר איז ער אריין לערנען אין די ישבה תורת אמת, וואס איז געווארן געפירט דורך הגה"ק רבי משה לייב שניידער זי"ע, וואס איז געווען א תלמיד פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע, און דארט איז ער געוואקסן גאר גרויס אין תורה, ער איז דארט געווארן באוויסט אלס א גאון, אויך האט ער דארט געלערנט מיט בחורים פריוואט, פון וואס ער האט געמאכט אפאר פריטות, און מיט די געלט האט דער גאון איינגעקויפט ספרים וואס ער האט געברויכט צו קענען לערנען, ווייל בימים ההם איז נישט געווען אזויפיל ספרים אין ישיבה,

ער האט דעם הרב שניידער געהאלטן פאר זיין רבו מובהק, און יארן שפעטער האט ער נאך גערעדט מיט התרגשות פון די יארן וואס ער האט דארט געלערנט, און ער איז דארט גאר שטארק געוואקסן אין תורה,

בשנת תש"ז איז ער אריין לערנען אונעם כולל הרבנים אין גייטסהעד ברשותו פון הגה"צ רבי אליהו אליעזר דסלר זי"ע, וואס פון דעם כולל זענען ארויס געקומען אסאך רבנים און מורי הוראות און תלמידי חכמים מובהקים, און דארט האט דער גאון עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, און געווען פארעכענט אלס איינע פון די גרויסע תלמידי חכמים דארט,

בשנת תשי"א איז ער א חתן געווארן מיט הרבנית מרת אסתר ע"ה, בת הרה"ג רבי משה צבי פליישמאן זי"ע, הי"ד, וואס די עלטערן זענען נעבעך אומגעקומען על קידוש השם ביי די מלחמה, און זי איז געווארן אויף געצויגן ביים ראב"ד פון לאנדאן הגה"צ רבי יוסף צבי דונער זי"ע, און די חתונה איז פארגעקומען ג' כסלו בשנת תשי"א, און מצד החתן האט אינטער געפירט הרב מסאסוב זי"ע און מצד הכלה הרה"צ רבי יוסף צבי דונער זי"ע,

נאך די חתונה האט ער ווייטער געלערנט אין דעם כולל הרבנים, פאר די קומענדיגע 8 יאר, ער האט דארט געלערנט ממש יומם ולילה און געוואקסן אין תורה מיט א געוואלדיגע התמדה,

דאן האט ער באקומען הוראה פון צוויי גדולי הדור, הגה"צ רבי נפתלי שקוביצקי מגייטסהד זי"ע, און פון הגה"צ רבי שמואל יוסף ראבינאוו מלאנדאן זי"ע, ביידע תלמידים פונעם חפץ חיים זי"ע, און שפעטער ווען דער גאון רבי אליהו אליעזר דסלר זי"ע איז ארויף קיין ארץ ישראל, און געווארן דארט ראש ישיבה אין פונוביז, האט דער גאב"ד איבער גענומען דעם פלאץ אלס ראש הכולל, און דאן מרביץ תורה געווען פאר די לומדי הכולל,

שפעטער איז ער אריבער קיין לאנדאן אין דארט האט ער געפירט א ישיבה, אויך האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין ביהמ"ד תורה עץ חיים צוזאמען מיט הגה"צ רבי שלמה בוימגארטען זי"ע, וואס דארט אונעם זעלבן בנין איז געווען צוויי בתי מדרשים, איינס נוסח אשכנז, און די אנדערע נוסח ספרד, און דער גאב"ד איז געווען רב אין די ספרדישע ביהמ"ד,

א איד דערציילט אז זיין טאכטער פלעגט ארויס העלפן ביים גאב"ד אין שטוב, און איין נאכט ווען זי האט געענדיגט ארבעטן, איז די גאב"ד געווען אין שטוב, און ער האט געהערט אז זי טראכט אליינס אהיים צו גיין, האט ער נישט מסכים געווען אז א יונג מיידל זאל גיין אין אזא צייט פון די נאכט אליינס אינדרויסן,

האט ער געזאגט אז מ'זאל נעמען א טעקסי, און די רעבעצין וועט זי באגלייטן, אבער כדי ס'זאל נישט זיין א שאלה פון יחוד אויף די וועג צוריק פאר די רעבעצין, איז דער גאב"ד אליין אויך מיט געגאנגען אינעם טעקסי, און ווען זיי זענען אנגעקומען צו די מיידל'ס שטוב, האט די גאב"ד געהייסן די טעקסי ווארטן אז זי זאל ארויף גיין צו איר שטוב, און נאר דאן האט ער זיך אומגעקערט צו זיין שטוב מיטן רעבעצין.

בשנת תשכ"ז איז ער אריבער וואוינען קיין אנטווערפן און דארט האט מען אים אויף גענומען אלס ראש ישיבה אין ישיבה עץ חיים, דארט האט ער געגעבן גאר שטארקע און טיפע שיעורים אין גמרא מיט די ראשונים און אחרונים, אויך האט ער מקפיד געווען צו לערנען יעדן טאג מוסר מיט די תלמידים, און תלמידים וואס האבן דאן געלערנט ביי אים דערציילן ווי אזוי ער האט געפירט דעם ישיבה מיט א געוואלדיגע שטארקייט און נישט נאך געלאזט אויף גארנישט, אבער פון די אנדערע זייט האבן די תלמידים געשפירט אין דעם ראש ישיבה א נאנטשאפט ווי פון א טאטע צו קינדער, ווייל ער האט זיך באמת איבער געגעבן פאר אלע זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע געטריישאפט,

אביסל שפעטער האט מען אים אויך אויף גענומען אלס חבר הבית דין פון קהילת מחזיקי הדת, וואס דארט האט ער גאר אסאך עוסק געווען לחיזוק ענייני הדת והכשרות אינעם שטאט, אויך די עירוב און נאך אנדערע צרכים פון דעם שטאט, אויך איז ער געשטאנען על המשמר מוצאי פסח, אז די אידישע געשעפטן זאלן נישט אפקויפן די חמץ בעפארן זמן מוצאי פסח, און מען

דערציילט אז ווען אלע אידן פונעם שטאט זענען נאך דאן געזעצן ביים טיש פון הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע, איז דער רב געווען פארנימען מיט דעם חמץ אחר פסח,

ער האט געהאט א גאר שטארקע קשר און חיבה מיט די רבנים לבית פשעווארסק זי"ע, און ער האט זיך גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע, און נאכדעם ביים איידעם הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע, און אויך איז ער געווען גאר נאנט מיט הרה"ק מפשעווארסק שליט"א,

איינמאל ווען רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט נאך געלעבט, האט מען אנגעטראגן א רבנות פאסטן פארן גאב"ד, איז ער געגאנגען אנפרעגן ביי רבי איציקל אויב ער זאל דאס אן נעמען, האט אים רבי איציקל געזאגט בזה"ל, "רבי טוביה, עס ווארט אייך אסאך גרעסער'ס",

בשנת תשס"ב האט מען געוואלט אויף נעמען א נייעם רב אונעם שטאט אנטווערפען, און דעם נאמען פונעם רב איז אויך געווען צווישן די וואס מען האט געטראכט פון אויף נעמען, אבער די ראשי קהלה האבן נישט געוואלט אים אויף נעמען, ווייל ער איז געווען באוויסט אלס גרויסע קנאי קעגן ציונות,

ווייל איינמאל נאכדעם וואס עס איז פאר געקומען א סעודה ביום כ"א כסלו תשס"א, יום ההצלה והשחרור פון הרה"ק רבינו מסאטמאר זי"ע, און דארט האט דער סאטמארער רב געהאלטן א שטארקע דרשה קעגן ציונות,

און דאן זענען אסאך רבנים פון אנטווערפען ארויס פונעם זאל, צוליב וואס אסאך פון די ראשי קהלה אין אנטווערפען זענען געווען נוטים לציונות, אבער ער דער רב רבי יצחק טוביה איז דווקא יא געבליבן, און נאכן דרשה האט ער געגעבן חיזוק פארן רב אויף די ווערטער וואס ער האט געזאגט קעגן ציונות, און דערפאר האט מען אים נישט געוואלט אויף נעמען אלס רב אין אנטווערפען,

בשנת תשס"ג האט מען געזען די רוח קדשו פון רבי איציקל זי"ע, ווען דער גאב"ד ירושלים הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקי זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם גאון אלס גאב"ד ירושלים, דאן האט מען געזען וואס רבי איציקל האט געמיינט מיט די ווערטער "עס ווארט אייך אסאך גרעסערס",

י"ד תמוז תשס"ג האט די עדה החרדית מקבל פנים געווען דעם נייעם גאב"ד, טויזנטער אידן זענען זיך צוזאמען געקומען אין ככר השבת ובראשם רבנים און גאונים פון ירושלים, און עס איז געווען א גרויסע שמחה אין ארצנו הקדושה מיטן אנקומען פונעם גרויסן גאון וגדול,

גאנץ שנעל האבן די אידן אין ירושלים געזען דעם גדלות פונעם רב, ווי ער האט זיך פרעזענליך אפגעגעבן מיט צרכי ציבור, אויך האט ער דאן אויף געמאכט א כולל אברכים ביי זיך אין ביהמ"ד, און ער אליין איז א גרויס חלק פונעם טאג געזעצן אין כולל און עוסק געווען בתורה, און ער האט מקפיד געווען אז בשעת ער האט עוסק געווען בתורה אין כולל, האט ער נישט געלאזט אז מען זאל אים שטערן מיט עניני הציבור צוליב ביטול תורה,

יעדער וואס האט געהאט די זכי' צו קומען אין בארירונג מיט דעם גאון האט באוואונדערט זיין גרויס עניוות, אפילו זייענדיג דער גאב"ד ירושלים האט ער בכלל נישט געהאלטן פון זיך, ווען מען פלעגט קלאפן אויפן טיר ביי אים אין שטוב, איז מען ממש נשתומם געווארן, ווען דער גאון בכבודו בעצמו האט געעפנט דעם טיר און אליין אריין געבערענגט כיבוד פארן גאסט נישט קיין חילוק אויב יענער איז געווען עלטער אדער יונגער פון אים,

אויך האט מען געקענט מעיד זיין, אז רעדענדיג מיטן גאון האט מען ממש געקענט פארגעסן אז מען רעדט דא צום גאב"ד ירושלים וואס אלעס ווערט געפירט דורך אים אין די עדה החרדית, ער האט צו יעדן גערעדט מיט א געוואלדיגע צוגעלאזענקייט און זיך ממש אראפ געלאזט צו יעדן איינעם, אפילו קליינע קינדער האבן געשפירט דעם אהבת ישראל פון דעם גאון,

די תפילות און הנהגות סיי ביי די טישן און סיי ביים דאווענען איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע פשטות אזוי ווי ער האט זיך אייביג געפירט נאך אין די יונגע יארן,

ער איז מפורסם געווען אלס א גרויסע קנאי נאך בעפאר ער איז געווארן גאב"ד ירושלים, ווי מען זעהט אז בשנת תשל"ח ווען רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט אויף געשטעלט דעם מפעיל קרן הצלה צו תומך זיין די מוסדות אין ארץ ישראל על טהרות הקודש, איז דער גאון געווען פון די וואס האבן אינטער געשריבן דעם קול קורא,

אויך איז ער געווען א גרויסע לוחם מלחמות קעגן די פרצי הדת, ביים מוחה זיין אויף חילול שבת בפלטרין של מלך, וואס דער רב איז געווען נאה דורש ונאה מקיים, און אליין ארויס צו די מחאות אויף די גאסן פון ירושלים אויף חילול שבת קודש, און אפילו שוין זייענדיג גאר שוואך סוף ימיו, האט ער נישט געוואלט מוותר זיין, און זיך משתתף געווען ביי די מחאות,

אויך האט ער גאר אסאך לוחם געווען קעגן גזירות גיוס, און געווען פון די ראשי העומדים, און ארויס געקומען מיט א ווייגעשריי קעגן דעם גזירות גיוס, וואס עס זענען דאן געווען גרויסע מענטשן וואס האבן זיך קעגן געשטעלט קעגן אים, אבער דער גאון האט זיך בכלל נישט דערשראקן פון דעם, נאר מיט א עזות דקדושה איז ער ארויס בחרב ובחנית קעגן דעם גזירות השמד, און ביים מעמד מחאה האט דער גאון געריסן קריעה במעמד אלפי ישראל אלס צער אויפן גזירה,

ביי יעדע זאך וואס די ממשלה הטמאה די פרקי עול האבן פראבירט צו טון קעגן די תורה הקדושה, איז דער גאב"ד געווען גרייט אויף א מלחמה, און זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט ווען עס איז געקומען צו זיך אננעמען פאר כבוד התורה און פאר דעת תורה,

דערציילט מען אז נישט אסאך נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט מען ליידער געטראפן ביים

גאב"ד די ביטערע מחלה, און מען האט געזאגט פארן רב אז מען ברויך גיין נעמען דעם ביטערן טראפ, האט דער רב געבעטן אז ער דארף אפאר מינוט דאס צו איבער טראכטן, און נאך אפאר מינוט האט דער רב געזאגט אז ער וועט גיין נעמען דעם טריטמענט,

און ער האט נאכדעם מסביר געווען, אז ער האט לכתחילה נישט געטראכט פון נישט נעמען די מעדעצין וואס דער דאקטאר האט געהייסן, נאר וויבאלד די טריטמענט איז דאך באקאנט אז דורך דעם פאלט ארויס די האר, האב איך קודם געוואלט שופך שיח זיין צום הייליגען באשעפער, און איך האב געזאגט פארן באשעפער, אז אזוי ווי איך דין אלס רב פון ירושלים, העלף מיר איך זאל בלייבן מיט מיין אידישע צורה, און כך הוה די תפילה פון דעם רב איז נתקבל געווארן, אין די בארד און פיאות זענען געבליבן ביים רב חוץ לדרך הטבע,

גדולים און גאונים פונעם דור האבן זייער מחשב געווען דער רב און אפגעגעבן גרויס כבוד פארן גאון וגדול הדור, און ער האט מקיים געווען דעם לא תגורו מפני איש במלוא מובן המילה, ער האט זיך נישט דערשראקן פאר קיינעם ווען עס איז געקומען צו די תורה און הלכה, און געווען גאר גרויס אין מידות האמת, און אפילו אלס רב האט ער זיך בכלל נישט געשעמט צו אנרופען א אנדערן גדול, צון אן פרעגן וואס עס איז די ריכטיגע וועג צו טון, ובתוכם האט ער גאר אסאך זיך מייעץ געווען מיטן גדול און פוסק הדור הרב וואזנער זי"ע,

אבער עס איז נישט שייך ארויס צו ברענגען דעם עניוות פון דעם גאון, ווי ער האט מכבד געווען יעדן גאון און יעדן רב נישט קיין חילוק ווי אלט יענער איז, און ווי מען קען זעהן אויף די בילדער און אידן קענען מעיד זיין, אז ווען א רב בישראל נישט קיין חילוק ווער יענער איז געווען, איז געקומען צום רב, איז דער רב געשטאנען און מכבד געווען יענעם מיטן גרעסטן כבוד,

ער האט גאר אסאך כח אריין געלייגט און עוסק געווען אין צדקה וחסד מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט מייסד געווען אסאך קופת צדקות סיי פאר מוסדות התורה אדער פאר צרכי הציבור, און אייביג געווען גרייט ארויס צו העלפן מיט סיי וואס עס האט זיך אויס געפעלט,

הגה"צ ר' מרדכי ברילל שליט"א אב"ד זעליחוב און הרה"ח ר' יואל זיכערמאן שליט"א האבן זיך געשטעלט לימין קדשו פונעם רב זי"ע מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און מסירות נפש, ובפרט אנפירנדיג מיט די בארימטע צדקה קאסע "קופת מרן הגאב"ד" וועלכע האט פארטיילט מיליאנען דאלער במשך די יארן פאר די בני העדה החרדית, און סיי די "קרן הקודש" פאר הונדערטער אלמנות ויתומים פון אלע קהלות הקודש בעפאר יעדן יו"ט און פאר אלע חכמי ורבני העדה און מרביצי תורה ותלמידי חכמים נקיי הדעת שבירושלים ועריה,

ווי אויך האט דער גאון אויף געשטעלט א קופת "מצהלות חתנים" מיט הלבשה פאר טויזנטער חתנים וכלות פון אלע שיכטן און קרייזן, און אויך די "קרן ללומדי ספה"ק ויואל משה, קרן משה יודא שאול" וועלכע איז נתייסד געווארן אונטערן רב זי"ע צו פארטיילן תמיכה הגונה, פאר אלפי לומדי ספה"ק ויואל משה אין פילצאליגע קהלות, סיי די קהלות הקודש תחת דגל העדה און סיי אנדערע קהלות און חבורות,

עס איז געבליבן פון דעם גאון אן א סכום שאלות ותשובות, וואס ער האט געשריבן אויף אסאך ענינים, און זיין פסק הלכה איז געווען אן גענומען אין רוב פלעצער, און גדולים בדורו האבן זיך פארלאזט אויף זיינס א פסק אפילו אויף גאר האקעלע ענינים, ווייל מען האט געוויסט אז ביים רב איז דא נאר איין זאך כח התורה און דעם אמת, און גארנישט האט נישט געקענט דעם רב אוועק רירן פון די תורה הקדושה,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

בנו יחידו ויד ימינו הגאון רבי שלמה זלמן ווייס שליט"א יושב ראש מכון שערי טוביה,
חתנו הגאון רבי אלימלך זילבירגער שליט"א מרבני ברסלב בית שמש,
חתנו הגאון רבי שלמה מאיר לינדבוים שליט"א,
חתנו הגה"צ רבי אברהם זילבירגער זצ"ל אב"ד בית המדרש החדש מאנטשעסטער, נפטר געווארן ביי קאראנא,

בחודש סיון תשפ"ב איז דער רב זייער נישט געזונט געווארן, און מיט געמאכט גרויסע יסורים און געווען אין שפיטאל, און אזוי האט ליידער דער גאון גאר אסאך מיט געמאכט יסורים נוראים, אין די גאנצע וועלט האט מען איינגעריסן פארן גאון הדור, אז דער גרויסער באשעפער זאל שיקן א רפואה שלימה פארן גאון, אבער ליידער זענען די שערי רחמים געווען פארשלאסן, און דער גאון האט צוריק געגעבן זיין אויס געלייטערטע נשמה ליוצרה,

נסתלק לגנזי מרומים שבת קודש פרשת מטות מסעי ב' אב בשנת תשפ"ב, ומנוחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים,

א טרויער האט זיך אראפגעלאזט אויף ירושלים און גאנץ ארץ ישראל, מיטן גרויסע אבידה פונעם רב דער גאב"ד פון ירושלים, וואס יעדער איינער איז געווען מקושר צו דעם גדול ועניו, עס האבן זיך באטייליגט טויזענטער אידן ביי די לוי', וואס זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פארן גדול הדור, רבנים און גדולים האבן מספיד געווען דעם גדול מיט בכיות נוראות, און ארויס געברענגט דעם גרויסן אבידה פאר כלל ישראל מיטן פטירה פון אזא גדול הדור,

וואכן נאכדעם האט מען בכל קצוי תבל אין די גאנצע וועלט געמאכט אן עצרת מיט הספדים אויפן גדול הדור, און גאונים האבן געזאגט דרשות הספד אויפן רב און ארויס געברענגט דעם גרויסן אבידת הכלל און דעם חלל וואס עס איז געבליבן מיטן פטירה פון דעם גאון וגדול הדור,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשה

דער הייליגער גאב"ד זי"ע האט דערציילט דעם מעשה וואס איז פאר געקומען, ווען ער איז געווען א מגיד שיעור אין ענגלאנד, האט ער געהאט א תלמיד, גאר א חשובע בחור, זיין לערנען און זיין דאווענען זענען געווען מוראדיג איך אליינס האב איך געהאט התפעלות פון אים, און ער איז געווען א געוואלדיגער בעל מידות, ממש א מושלם, אבער דער בחור איז געווען א יתום מאב ומאם, און ממילא האט ער זיך זייער פאר עלטערט,

און ענגלאנד איז געווען א משפחה וואס האט געהאט זייער א פיינעם טאכטער, אויכט האבען זיי געהאט א שיינעם יוחס פון א חשובע משפחה, בין איך געגאנגען און געארבעט מיט די עלטערן, און משכנע געווען, אז זיי זאלן דעם בחור נעמען פארן טאכטער און זיי געזאגט, אז עס איז נישט דא און ענגלאנד נאך אזא בחור, און זיי זאלן דעם שידוך נישט ארויס לאזען פון די האנט, און אזוי נאך פיל יגיעה האבען זיי מסכים געווען צו טוען דעם שידוך.

זאגט דער רב איך האב אבער געמאכט א טעות, איך האב במשך די גאנצע צייט גארנישט פארציילט פארן בחור אז איך טו פאר אים און א שידוך, ווייל איך בין געווען זיכער ביי מיר, אז אזא גוטער שידוך, וואס דער בחור האט אפי' נישט געחלומט צו קענען טרעפן, וועט ער צו דעם שידוך אוודאי מסכים זיין און עס כאפן מיטביידע הענט,

אבער די מעשה איז נישט געווען אזוי, ווען איך בין געגאנגען צו דעם בחור, און געזאגט איך האב פאר דיר א שידוך מיט יענע חשובע משפחה, יוחס און פארמעגליך זיי זענען גרייט צו שליסען דעם שידוך היינט נאכט, זאגט מיר דער בחור, איך קען נישט חתונה האבען, ווייל איך קען נישט האבען קיין קינדער, ווייל אזוי האט געזאגט יענער און יענער פראפעסער,

ווי א דינער איז מיר באפאלען וואס דער בחור זאגט, איך בין געלאפען צו א גרויסער פראפעסאר פרעגען איבער די מיחוש פון דעם בחור, אפשר האט דער בחור נישט גוט פארשטאנען, אבער דער פראפעסאר זאגט מיר, ער מעג חתונה האבען, אבער לויט די סטאטיסטיקס וועט ער קיין קינדער און זיין לעבן נישט האבן,

בין איך געלאפען צו א חשובע רב וואס ער איז אויך געווען גרויס און רפואה, און אים געפרעגט וואס זאל איך טוען היכי לידיינו דיינא בהאי דינא, זאגט ער מיר אפי' עס איז דא ווינציגער פון א פראצענט וואס האבן יא קינדער אפי' מיט דעם מיחוש, איז נישט קיין שאלה אז מען מוז אויסזאגען פאר די כלה'ס זייט, אז ער האט דעם מיחוש, און אויב אזוי איז דאך פשוט אז עס איז אויס שידוך, אינגאנצען פארלוירען האב איך זיך ארום געדרייט און נישט געוויסט וואס צו טוען,

פארציילט דער רב ווייטער, האב איך מחליט געווען צו פרעגען מיין רבי הרב דעסלער, וואס האט דאן געוואוינט און ארץ ישראל, כדת מה לעשות, וואס דארף איך טוען, און איך האב געשיקט א טעלעגראם, פאר מיין רבין אנפרעגנדיג די שאלה, עס איז דורך א טאג וואס איך שטיי אויף שפילקעס, און א תשובה פון מיין רבין באקום איך נישט, און נישט וויסנדיג וויאזוי זיך א א עצה צו געבן, האב איך געשיקט נאך א טעלעגראם פאר מיין רבין, און געשריבען אז עס איז זייער וויכטיג צו האבען תשובה ווי פריער, אויב דער רבי ווייסט נישט וואס מען דארף טוען, זאל ער מוחל זיין און גיין פרעגען דעם חזון איש, ווייל מען מוז האבען תשובה,

איז צוריק געקומען א טעלעגראם בזה הלשון "מותר שלא להגיד, המכתב יבא", דהיינו מען מעג טוען דעם שידוך אן פארציילען פונעם מיחוש, און דער בריוו ווי ער וועט מסביר זיין דעם ענין, וועט נאך קומען, און אזוי האבן מיר געטוען, זיך פארלאזט אויף דברי חכמים, און איך האב געזאגט פאר דעם בחור, ער זאל נישט זארגען און טוען דעם שידוך מיט שמחה,

א וואך דערויף איז געקומען דעם בריוו פון מיין רבין, און ער שרייבט דארט אזוי, "שאלתי את איש האמת החזון איש", און ער האט געזאגט מען זאל טוען דעם שידוך און נישט פארציילען, אבער מען זאל זיך נישט אפלערנען פון די הוראה פאר קיין שום אנדערע מעשה אפי' ווען עס איז זייער דומה, און דער הסבר דערפון קען איך נישט שרייבען בכתב, אי"ה און צוויי חדשים פלאן איך צו זיין און ענגלאנד און איך וועל דיר אי"ה מסביר זיין דברי החזון איש,

עס איז א דורך אפאר וואכען און מיין רבי הרב דעסלער זי"ע איז נפטר געווארן, און פארשטייט זיך אז ער האט נישט געקענט מסביר זיין פאר מיר וואס דער חזון איש האט געזאגט, און איך בין געווען און די צייט מיט א טיפע זארג, רבוש"ע וואס גייט דא זיין,

אבער לפלא א וואך צוויי פאר די חתונה, קומט דער בחור צו צי מיר, און פארציילט מיר, איך קום יעצט פונעם דאקטאר, און ער זאגט מיר, אז דער רבוש"ע האט מיר געשיקט א רפואה חוץ לדרך הטבע, עפעס וואס איז נישט געווען ביז יעצט און איך בין געזונט כאחד האדם, און דער גאב"ד האט אויס געפירט, דער בחור האט אייניקלעך און ירושלים וואס קומען צו מיר עסן שבתים, און זיי ווייסען ניטמאל וואספארא יסורים איך בין דורך פאר זייער זיידע.

**יארצייט**
**מאנטאג ג' אב**

**הגה"ק רבינו המקובל הגדול רבי שמשון ב"ר פסח זי"ע, הי"ד, בעל דן ידין, מאוסטרופולי,**

ער איז געבוירן אין שטאט קאריץ, בשנת ש"ס,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי פסח מקאריץ זי"ע,
חתן הגה"ק רבי שמשון מקרעמניץ זי"ע,
דער ברידער פון הגה"ק רבינו יהודה ליוואה בעל מהר"ל מפראג זי"ע,

ער איז געווען דער שר התורה בדורו, און א איש קדוש ונורא מאוד, א גאון הגאונים ובקי בתורת הנגלה והנסתר, בתורת הנסתר איז דער צדיק וקדוש געווען פון די גרעסטע בעלי מקובלים בדורו, הונדערטער גאונים און גדולים בדורו האבן זיך געשריבן גאר שווערער שאלות און דברי חז"ל מיט גאון וקדוש, און דער צדיק וקדוש האט דאס זיי מסביר געווען אויפן דרך הנסתר,

ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש אמתי און א מופת הדור עצום מאוד, עס איז געווען באוויסט, אז ער האט כמה פעמים געהאט גילוי אליהו, און אויך געהאט א מלאך מגיד מן השמים וואס האט מיט אים געלערנט תורה, ווי דער הייליגער בית יוסף זי"ע האט אויף דעם מעיד געווען,

הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, און נאך צדיקים האבן מעיד געווען, אז ער האט געהאט דעם נשמת משיח בן יוסף זי"ע, און ווי עס איז באקאנט אז די נשמת משיח קומט אראפ אין יעדע דור אין א צדיק, און אויב די דור איז זוכה וועט ער זיין דער גואל, און צדיקים האבן געזאגט, אז דערפאר איז דער צדיק ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם,

דעם נאמען שמשון האט ער באקומען נאך זיין זיידע הגה"ק רבי שמשון מקרעמניץ זי"ע, וואס איז געווען א גאון בתורת הנגלה והנסתר, און דער זוהן פון הגה"ק רבי בצלאל זי"ע און א ברודער מיטן הייליגען מהר"ל מפראג זי"ע, און דער הייליגער מהרש"ל זי"ע, האט געשריבן אויף די קינדער פון רבי בצלאל זי"ע בזה"ל, "אחים האלופים האלוף המרומים החסיד הר"ר חיים", און ער איז מוסיף די ווערטער, "ובזמן קרוב יורו כולם הוראה בישראל, כולם אנשי שם דפקיעי בשמייהו",

דער צדיק וקדוש רבי שמשון זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגען טאטן ר' פסח זי"ע, אויך איז ער געווען א תלמיד פון הגה"ק רבי נתן נטע אב"ד אוסטרא זי"ע, וואס איז געווען מגאוני הדור המפורסמים, און פון די ראשי המדברים בוועד ארבע ארצות בימיו, רבי נתן נטע זי"ע איז אויך געווען זייער נאנט מיטן בעל טורי זהב מאוסטראה זי"ע, און די צוויי זענען צוזאמען אנטלאפן ביי די גזירות ת"ח ות"ט,

מען קען זעהן דאס חביבות וואס איז געווען צווישן דעם תלמיד רבי שמשון מיט זיין רבין, ווי ער שרייבט בזה"ל, "רבינו אדוני מורי ורבי, פאר הדור ארון הקודש, בוצינא דנהורא גאון ישראל",

נאך זייענדיג גאנץ יונג האט ער שוין געלערנט דעם דרך הפרד"ס און חכמת הקבלה, ווי ער איז מעיד אויף זיך בזה"ל, "בהיות כי מנעורי למדתי ועמדתי והתבוננתי להבין ולהשכיל בחכמה הרמה חכמת הקבלה הקדושה והצלולה ממקור המקובלים ומלכם בראשם רשב"י זיע"א",

פון גאר יונג האט דער גאון שוין געדינט אלס דער מגיד מישרים אין שטאט אוסטרופאלי, און מען האט אים געריפען רבי שמשון המגיד, ער האט געהאלטן פייערדיגע דרשות און מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקון המעשים, ורבים השיב מעון,

אויך האט ער דארט אין שטאט געהאט א גרויסן ביהמ"ד וואס דארט האבן געלערנט גאונים בתורת הנגלה והנסתר, ובתוכם די צוויי גאונים, הגה"ק רבי נתן נטע הנובר זי"ע, און הגה"ק רבי יעקב קופל זאסלבר זי"ע, וואס שרייבט אויף זיין הייליגען רבין בזה"ל, "שידוע לרבים שרוב דבריו היו על ידי מגיד שהיה אצלו, חבל על דאבדין ולא משתכחין, בכל ערב שבת קודש הלכתי, אני וחברי שהיה גיסו אצלו, והגיד לנו דף א' זוהר מהפרשה השייך לאותו שבוע".

ער איז געווען פון די גדולי המחדשים בתורת הקבלה, און חוץ וואס ער האט מפרש געווען די דברי קבלה פון די קדמונים, האט ער אויך אסאך מחדש געווען אין תורת הקבלה, און דאס אלעס זענען געווען זאכן וואס דער מלאך המגיד האט מגלה געווען פאר אים, און אויך איז דא זאכן וואס ער ברענגט אראפ אז אליהו הנביא האט אים מגלה געווען,

עס איז מקובל פון צדיקים אן איגרת הקודש וואס ער האט געשריבן אויף די שמות המלאכים וואס זענען באהאלטן אין די עשר מכות אין מצרים, און צדיקי הדור האבן געזאגט, אז לערנען דעם מכתב איז א סגולה אויף ישועות און שמירה, און ווי דער צדיק שרייבט אויף דעם בריוו בזה"ל, "שכל מי שמעיין בסוד הנפלא והנורא הזה על מכונו, אפילו פעם אחת בשנה, ובפרט בערב פסח, מובטח לו שינצל באותה שנה מכל מכשול וממיתה משונה, ושום אדם לא ימשול בו, וכל אויביו יפלו תחתיו",

ווערט דערציילט פון הונדערטער אידן אין לאגער ביי די צווייטע וועלט מלחמה, וואס ליידער האט כלל ישראל דאן פארלוירען א גאר גרויסע חלק פון כלל ישראל, וואס זענען ליידער אומגעקומען על קידוש השם יתברך דורך די הענט פון די דייטשן ימ"ש, פלעגן אסאך אידן זאגן דעם איגרת הקודש פון דעם צדיק וקדוש רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע יעדן טאג, און אסאך זענען אין דעם זכות ניצל געווארן ממוות לחיים מיט ניסי ניסים ממש,

הגה"ק רבי חיים ליברזון מבארדיטשוב זי"ע וואס איז געווען א אייניקל פונעם גאון וקדוש רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע, שרייבט אין זיין ספר ארץ החיים, אז ער האט בקבלה פון זיין זיידן רבי שמשון זי"ע, אז עס איז דא דריי זמנים וואס איז מסוגל לקבלת התפילות, און ווער עס איז מתפלל אין די זמנים בודאי תתקבל תפילתו,
א' בשעת פתיחת ארון הקודש,
ב' בעת הגבהת הספר תורה,
ג' בשעת נשיאת כפים,

אבער אפילו זייענדיג א גאון וגדול הדור און א איש קדוש מאוד, איז ער געווען ביי זיך א שפל ברך ונבזה בעיניו, און ווי מען קען זעהן, ווי דער צדיק שרייבט אויף זיך אין די הקדמה צו זיין ספר דן ידין בזה"ל, "עפר ארץ שמשון מאוסטרופולי", און אויך אין א מכתב וואס ער שרייבט צו זיין רבין רבי נתן נטע אב"ד אוסטרא זי"ע בזה"ל, "שוב אדוני תקבל נא באהבה וברצון דברי עבדך השפל הייחס שקץ מאוס שפל וגם נמאס",

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הגה"ק רבי פנחס זי"ע,
הגה"ק רבי שמואל זי"ע,
און פון די צוויי קינדער זענען ארויס געקומען גרויסע צדיקים ובתוכם,
הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי"ע,
הרה"ק רבי חיים מקוסוב זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף מאוסטילא זי"ע, בן הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יוסף הכהן בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה זי"ע,
הרה"ק רבי משולם פייבוש מזבאריז זי"ע,
הרה"ק רבי הערשעלע אוסטרופולער זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר ליבער המגיד הגדול מברדיטשוב זי"ע, מגדולי תלמידי בעש"ט הק' זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
און נאך אסאך צדיקים,

ער האט איבער געלאזט זיינע דברי תורה און דברי אגדה און גאר אסאך דערפון זענען על דרך הקבלה,

ספר דן ידין, פירוש על ספר קרנים,
ספר בן מנות, פירוש על האדרות,
ספר נזר אלקים, וספר שמש ומגן,
ספר ליקוטי שושנים,
ספר שמש נוגה, פירוש על ספר שערי אורה,
ספר עטרת פז,

בשנת ת"ח וואס גרויסע גדולים און גאונים און מקובלים האבן דאן געזאגט, אז עס איז א זמן הקץ וואס משיח גייט קומען, און דערפאר זענען געקומען ליידער די גרויסע גזירה פון ת"ח ות"ט, ווען די קאזאקען האבן ליידער אומגעברענגט אן א צאל אידישע קינדער, און עס איז געווען א שרעקליכע גזירת שמד אויף אידן,

דער הייליגער רמח"ל זי"ע אין זיין ספר עץ חיים דערציילט, אז רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע האט געזאגט, אז דער סטרא אחרא איז געקומען צו אים אין געזאגט, אז עס קומט די גזירת ת"ח ות"ט, און אויב אידן ווען מבטל זיין די מצוה פון שבת, מילה, און תורה, וועט דער סטרא אחרא מבטל זיין די גזירה,

האט דער צדיק וקדוש רבי שמשון זי"ע געזאגט פארן סטרא אחרא, אז ער וועט נישט מבטל זיין ח"ו קיין אות פון די תורה, און ענדערשט זאל מען שטארבן אויף קידוש השם, ווי איידער מבטל זיין סיי וואס פון די תורה,

שוין צוויי יאר בעפאר די גזירות ת"ח ות"ט, האט דער מלאך המגיד שוין מגלה געווען פאר דעם קדוש רבי שמשון זי"ע, אז עס קומט שווערע צייטן אויף אידישע קינדער, און דער צדיק וקדוש איז ארום געפארן פון שטאט צו שטאט מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה טון, אבער ליידער האט מען שוין נישט געקענט מבטל זיין די גזירה, און דאן בשנת ת"ח איז אנגעקומען די שווערע און ביטערע צייטן אויף אידישע קינדער, מיט די גזירה פון ת"ח ות"ט, און ליידער זענען טויזנטער אידישע קינדער אומגעקומען מיט מיתות משונות רח"ל,

דער צדיק האט אויף זיך גענומען צו זיין א קרבן ציבור, אז ער זאל אומקומען אויף קידוש השם, און מיט דעם מכפר זיין אז עס זאל ח"ו נישט זיין קיין כלי' אויף כלל ישראל, און צוזאמען מיט אים איז געווען דער גאון וקדוש הגה"ק רבי יחיאל מיכל מנמירוב זי"ע וואס איז געווען א בקי בכל התורה כולו און א בקי בכל חכמות שבעולם, און די צוויי צדיקים וקדושים האבן מעביר געווען די גזירה און אויס געפויעלעט אויבן אין הימל, אז עס זאל איבער בלייבן א שארית הפליטה פון כלל ישראל,

ווען די רשעים זענען אן געקומען צום שטאט פולנאה, האט דער צדיק צוזאמען גענומען די אידן פין שטאט 300 בעלי בתים ובתוכם גדולים און צדיקים פונעם דור, און אלע זענען געווען אנגעטון מיט טלית ותפילין און מתפלל געווען להעביר רועה הגזירה, און ווען די רשעים זענען אנגעקומען אין ביהמ"ד, האבן זיי ליידער אומגעברענגט אלע אידן דארט אין ביהמ"ד מיט מיתות משונות רח"ל,

אויך דעם הייליגען צדיק וקדוש רבי שמשון זי"ע הי"ד האבן זיי ליידער ר"ל אומגעברענגט מיט א שרעקליכע וועג, בשעת ווען ער איז געווען אין א געוואלדיגע דביקות און בכלל נישט געשפירט וואס גייט פאר, אבער ליידער האט דער צדיק מחזיר געווען נשמתו הטהורה בקדושה וטהרה,

נסתלק לגנזי מרומים יום ד' לפרשת דברים ג' מנחם אב בשנת ת"ח, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אוסטרופולי, פאר יארן לאנג איז דער מקום קדוש פונעם ציון פון דעם צדיק געווען חרוב ונחרב, אבער לעצטערע יארן האבן אידן איבער געמאכט דעם ציון, און אין דעם זכות קען מען גיין מתפלל זיין אויף ציון קדשו פון דעם צדיק וקדוש וואס איז ליידער בעוונותינו הרבים אומגעקומען על קידוש שמו יתברך,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

ווערט געברענגט אין ספרים, אז יונגערהייט האט דער צדיק רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע נישט געלערנט קיין תורה, ער איז געווען אנדערשט ווי זיינע אנדערע ברידער וואס האבן עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער איין טאג ווען ער איז שוין געווען עלטער, איז א עושר פון א אנדערן שטאט געקומען צום טאטן און געזאגט, אז ער וויל נעמען דעם זוהן שמשון פאר אן איידעם און ער וועט געבן נדן טויזענט רובל,

אבער דער טאטע האט נישט מסכים געווען, האט דער עושר געהעכערט דעם סכום, האט אים די טאטע געפרעגט, מיין זוהן איז דאך בכלל נישט קיין תלמיד חכם, פארוואס ווילסטו אים נעמען פאר אן איידעם, אבער דער עושר האט זיך געשטעלט דערויף ביז די טאטע האט מסכים געווען,

שבת קודש פאר די חתונה, איז דער זוהן שמשון ארויף אויפן בימה אין ביהמ"ד און געהאלטן א דרשה נפלא אין נגלה און אין נסתר, און דער טאטע און די גאנצע שטאט זענען ממש נשתומם געווארן, און געפרעגט דעם זוהן, ווי אזוי בוסטו אנגעקומען צו דעם מדריגה פון קענען תורה אויף אזא הויכע מדריגה, ווייל זיי האבן דאך אים גוט געקענט די אלע יארן, און ער איז נישט געווען אזא גרויסע מתמיד בתורה,

האט רבי שמשון געזאגט פארן טאטן, איך האב א גאר הויכע נשמה, איינמאל אלס קינד איז מיין קאפיל אראפ געפאלן פון מיין קאפ, און דאן האט זיך מדבק געווען אין מיר רח"ל די סטרא אחרא, און ער האט מיך נישט געלאזט לערנען קיין תורה,

אבער איין טאג האט מיך די טאטע שטארק געשלאגען אויפן קאפ, און איך בין פון גרויס צער און עגמת נפש אריין געלאפן אין וואלד, און איך האב דארט בוטערליך געוויינט אויף מיין מצב, דאן האט זיך צו מיר באוויזן אליהו הנביא ז"ל אין מיר געזאגט, אז דורך די מכות וואס מיין טאטע האט מיר יעצט געגעבן, האט די טאטע צובראכן דעם כוח הסטרא אחרא, און אליהו הנביא ז"ל האט מיט מיר געלערנט תורה דארט אין וואלד, און מיר געעפענט די מעיינות החכמה, און פון דעם בחור שמשון איז אויס געוואקסן דער גאון וגדול וקדוש רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע,

עס ווערט געברענגט, אז רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע, האט צוואנציג יאר זיך מיגיע געווען צו שרייבן א פירוש אויף רש"י הקדוש על התורה, אבער ווען ער האט דאס געענדיגט, האט ער געזען אז דאס איז זייער לאנג און א מענטש וועט נישט קענען לערנען אזוי פיל, האט ער געארבעט אויפן פירוש נאך צוואנציג יאר, כדי ער זאל עס מקצר זיין און עס זאל זיין גרינג צו לערנען,

אבער ווען ער האט דאס געענדיגט נאך צוואנציג יאר, האט ער געלייגט דעם פירוש וואס ער האט מחבר געווען, נעבן דעם פירוש פון רש"י צו זעהן אויב עס שטימט, דאן האט ער געזעהן לפלא, אז דאס וואס ער האט געשריבן איז ממש דעם פירוש וואס רש"י הקדוש האט שוין געשריבן, דאן האט ער געזעהן דעם גדלות פון רש"י הקדוש ווי ער האט שטארק מקצר געווען אבער מסביר געווען יעדע זאך ממש קלאר.

עס איז מקובל אז דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט נישט געוואלט זיין אין שטאט אוסטרופולי, ווייל ער האט געזאגט, אז ער האט נישט וואס צו גיין דארט, ווייל רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע האט שוין מתקן געווען אלעס דארט, איינמאל האט מען גערופן דעם בעש"ט אז ער זאל קומען צום שטאט אוסטראפאלי, און דער בעש"ט האט אפ געראכטן א גרויסע סעודה דארט אין שטאט, און די גאנצע צייט איז דער בעש"ט געשטאנען ביים פענסטער און ארויס געקוקט,

איז דארט געווען דער תלמיד פונעם בעש"ט הרה"ק רבי יוסף מקאמינקא זי"ע און ער האט זיך זייער געוואונדערט וואס דער בעש"ט קוקט אזוי ארויס פון פענסטער, האט ער פארמאכט דעם פענסטער ווען דער בעש"ט איז אוועק געגאנגען, אבער ווען דער בעש"ט איז צוריק געקומען האט ער צוריק אויף געמאכט דעם פענסטער, און אזוי האט דער תלמיד געטון אפאר מאל, ביז דער בעש"ט הקדוש האט געפרעגט, ווער פארמאכט די פענסטער יעדעס מאל, האט דער תלמיד געפרעגט דעם רבין, פארוואס וויל די רבי אז די פענסטער זאל זיין אפען,

האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע געזאגט פארן תלמיד, די זעסט נישט ווי די עמוד התורה פון רבי שמשון שיינט פון די ערד ביזן הימל, און דא אויף דעם ארט איז געווען דער ביהמ"ד פון רבי שמשון מאוסטרופולי זי"ע וואס די רשעים האבן ליידער חרוב געמאכט ביי די גזירות ת"ח ות"ט, און דערפאר זעהט מען אזא אור קדוש שיינען אויף דעם ארט.

**יארצייט**
**דינסטאג ד' אב**

**הרה"ק רבי בן ציון ב"ר שלמה זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם),**
**בעל קדושת ציון, מבאבוב,**

ער איז געבוירן אין שטאט בוקובסק, י' אייר בשנת תרל"ד,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי שלמה הראשון מבאבוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי מאיר נתן הלברשטאם זי"ע, (חתן הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע, בן הרה"ק בעל זרע קודש מרופשיץ זי"ע,)
בן הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רבקה הענא ע"ה,
בת הרה"ק רבי יהושע רויזענפעלד מקאמינקא זי"ע,
בן הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע,

ער איז געווען איש קדוש מאוד, און א גאון מפורסם, און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ער איז געווען מפורסם אלס א למדן נפלא וואס האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה וקדושה, ער איז געווען א לוחם מלחמת ד' במסירת נפש, ער איז געווען א בעל מנגן מופלא וואס האט מחבר געווען גאר אסאך הערליכע און הארציגע ניגונים, ער איז געווען א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, און הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות פון זיינע ברכות,

ווי באקאנט האט דער טאטע הרה"ק רבי שלמה זי"ע, זיך זייער געפלאגט נאך די חתונה פאר קינדער, עס האט זיך ליידער נישט געהאלטן ביי אים קיין זש"ק, און דער צדיק האט געהאט גאר אסאך צער אין עגמת נפש פון דעם,

איין טאג בערך דרייצן יאר נאך די חתונה, איז ער געפארן צום הייליגן זיידן דער דברי חיים מצאנז זי"ע, און וויבאלד דער רבי שלמה איז געווען א יונגער יתום, ווען זיין טאטע הרה"ק רבי מאיר נתן זי"ע דער זוהן פון צאנזער רב איז נסתלק געווארן יונגערהייט, איז ער אויף געצויגן געווארן ביים זיידן אין שטוב, האט דער זיידע געהאט א שטארקע חביבות צו דעם אייניקל, און דער אייניקל האט זיך מיט טרערן מזכיר געווען ביים זיידן, אז ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק,

דער הייליגער זיידע דער דברי חיים מצאנז זי"ע איז אריין אין א שטארקע דביקות, און געווען אריין געטון אין זיינע מחשבות, און דאן זאגט דער זיידע, הער זיך איין, פאר פופציג יאר צוריק האט געוואוינט א צדיק אין בוקאווסק, און דיין זיידע דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט זיך מיט דעם צדיק מחולק געווען, און קען זיין אז די סיבה פארוואס דיינע קינדער האלטן זיך נישט איז, ווייל אפשר וואוינסטו אין די דירה ווי דער צדיק האט געוואוינט, און דיין זיידע האט אויף דעם אן הקפדה,

רבי שלמה איז צוריק אהיים געפארן און מברר געווען די זאך, און מען האט אים געזאגט, אז די דירה פון דעם צדיק איז פארברענט געווארן מיט יארן צוריק, אבער צום סוף האט ער זיך דערוויסט, אז איין פענסטער פון זיין דירה, איז פונקט קעגן דעם מקום ווי די דירה פון יענעם צדיק איז געשטאנען, און ווען ער איז צוריק געקומען צום זיידן דער דברי חיים זי"ע, האט אים דער זיידע געהייסן פארדעקן דעם פענסטער, און ער וועט אי"ה בקרוב געהאלפן ווערן מיט זש"ק,

דער אייניקל רבי שלמה זי"ע האט אויסגעפאלגט וואס דער זיידע האט געהייסן, און נאך דרייצן יאר האט ער זוכה געווען, און י' אייר בשנת תרל"ד איז צו אים געבוירן געווארן א בן זכר, און דער זיידע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געהייסן, אז מען זאל דעם קינד א נאמען געבן "בן ציון" אלס א סגולה אויף אריכת ימים, און דער זיידע האט צו געלייגט "כי בימיו יבנה ציון",

דערציילט מען, אז שוין אלס קליין קינד האט מען געזען אז דער קינד האט א הייליגע נשמה, ווייל איין טאג האט ער גאר שטארק געוויינט, און מען האט דעם קינד נישט געקענט בארויגן, איז מען געגאנגען צום טאטן רבי שלמה זי"ע, און געפרעגט וואס מען זאל טון, האט דער טאטע מציע געווען, אז מען זאל אויסרייניגן דעם בעטל פונעם קינד, און אויסשאקלען די בעטגעוואנט, ווייל אפשר שטערט אים עפעס דארט,

ווען מען האט אויס געשאקלט די בעט-געוואנט, האט מען דארט געטראפן אן "איינציק קארט" פון די משרת, ווען זי האט איבער געצויגען די בעט, איז פון איר ארויס געפאלן א טמא'נעם קארטל, און אט דאס האט געשטערט דעם קינד, דער טאטע האט מיט התפעלות זיך אויסגעדריקט, "ער האט שוין היינט אזא הרגשה, ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער זיין א גרויסער בעל הרגש",

ווי באקאנט האט דער קינד נאך זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן זיידע דער דברי חיים מצאנז זי"ע אפאר מאל בעפאר די פטירה בשנת תרל"ו, און דער זיידע האט ארויסגעוויזן א געוואלדיגע אהבה צו דעם קליינעם בן ציון, איינמאל האט מען אים געברענגט אלס פיצל קינד, און ליגענדיג אין בעט האט זיך די קליינע פיסל פונעם קינד ארויס געשטעקט, האט דער הייליגער צאנזער רב געוויזן אויף די פיס און געזאגט, "וואס איך האב נישט מתקן געווען אויף דער וועלט, וועלן די פיסלעך מתקן זיין",

איינמאל זייענדיג ביים זיידן דער צאנזער רב זי"ע, האט דער זיידע ארויפגעלייגט ידיו הקדושים אויפן קעפל פונעם קינד און געזאגט בזה"ל, "דו וועסט נאך אויף וואקסן א חכם מחוכם", און עס איז געווען א ***באלי*** אויף דער ערד, און דער זיידע דער דברי חיים האט א שטופ געגעבן דעם ***באלי***, און געהייסן דעם אייניקל דאס נאכלויפן, און דאן האט דער זיידע געזאגט, "עטס זעט ווי א מנהיג ישראל לויפט",

ביי די דריי יאר האט מען געטראגן דעם קינד צום זיידן הרה"ק רבי יהושע'לע מקאמינקא זי"ע, און דער זיידע האט אים געמאכט פיאות, און געלערנט מיטן קינד די א"ב, און אים שיין אנגעוואונטשן, און דאן איז דער טאטע רבי שלמה זי"ע געווען רב אין שטאט אושפיצין, וואס איז געווען גאנץ א מאדערנע שטעטל, און דער קינד בן ציון איז געווען דער איינציגסטע קינד מיט חסידישע פיאות,

שפעטער ווען ער איז געווען נאר ניין יאר אלט, איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע בקיאות אין תורה, אז דער טאטע האט אים אפילו זייענדיג גאר יונג אריין גענומען צו זיך אין ישיבה, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און זיין גדלות בתורה האט שוין דאן ארויסגעשיינט,

דערציילט מען, אז איינמאל איז דער טאטע געפארן אויף א באזוך צום הייליגען פעטער הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, און ווארטענדיג אריין צו גיין צום פעטער, איז דארט געווען א פרוי וואס איז געקומען מזכיר זיין איר מאן, וואס איז געווען חרוב קראנק, און דער דאקטאר האט געזאגט, אז אויב מען וועט אפערירן איז דא א ספק אויב ער וועט בלייבן לעבן, אבער אן די אפעראציע וועט ער עס זיכער נישט דורך לעבן, און דער הייליגער שינאווא רב זי"ע האט געהייסן פאר דעם פרוי, אז מען זאל נישט מאכן קיין אפעראציע,

ווען דאס קינד האט געהערט דעם פסק פונעם שינאווער רב, איז ער שטארק פארוואונדערט געווארן, און געפרעגט דעם טאטן שטילערהייט, די גמרא זאגט דאך "ברי ושמא, ברי עדיף", אויב אזוי וועט דאך דער איד חלילה שטארבן, דער טאטע רבי שלמה האט געהערט די רייד פונעם קינד, אבער ער האט געהייסן פארן קינד אז אלס דעם כבוד פונעם פעטער זאל ער שווייגן,

אבער דער הייליגער פעטער דער שינאווא רב זי"ע וואס האט יא באמערקט ווי דאס קינד זאגט עפעס, האט ער געפרעגט דעם טאטן וואס דער קינד האט געזאגט, דער טאטע האט פראבירט זיך ארויס צו דרייען פון ענטפערן, אבער דער פעטער דער שינאווער רב האט נישט נאכגעלאזט,

האט דער טאטע איבער געזאגט וואס דער קינד האט געזאגט, אז "ברי ושמא, ברי עדיף", האט זיך דער הייליגער שינאווער רב זי"ע אנגערופן "חכם עדיף מנביא", און ער האט געהייסן מען זאל דעם פרוי צוריקרופן, און ער האט געהייסן יא מאכן דעם אפעראציע.

בשנת תרמ"ז האט מען זיך געגרייט צום בר מצוה פונעם קינד, און דער טאטע האט געוואלט אז דער זיידע מקאמינקא זאל תפילין לייגען פאר דעם בר מצוה בחור, איז מען געפארן קיין קאמינקא אויף פסח, און אויפן וועג זענען זיי דורך געפארן דעם שטעטל בעלזא, און וויבאלד דער טאטע איז געווען גאר שטארק בידידות מיט הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע, האט מען זיך אפגעשטעלט אויף א באזוך ביים בעלזא רב, און לכבודו פון דעם חשובע גאסט, האט דער בעלזא רב געהייסן אנגרייטן א סעודה,

ווי באקאנט האט דער צדיק רבי בן ציון זי"ע גאר שיין געקענט זינגען, האט אים דער בעלזער רב מכבד געווען מיט א ניגון אויפן קאפיטל שיר המעלות אשא עיני, און דער בעלזער רב האט געהייסן פארן רעבעצין, אז זי זאל שטיין אונטערן טיר צו הערן א בעל מנגן וואס זי האט נאך נישט געהערט זיינס גלייכן, און אזוי ווי ער האט געענדיגט זונגען דעם ניגון, האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן, "ווען מען הערט ווי דער בחור'ל זינגט, קען מען משער זיין ווי די לוים האבן געזונגען אין בית המקדש",

בשנת תרנ"ו נאכן פטירה פון הגה"ק רבי יודל שיף אב"ד באבוב זי"ע, האט מען אויף גענומען דעם טאטן רבי שלמה אלס רב אין שטאט באבוב, און דאן האט זיך אנגעהויבן די גרויסע חסידות באבוב, און כדי צו מאכן גרינגער פארן טאטן וואס איז שוין דאן נישט געווען קיין יונגערמאן, האט מען אויפגענומען דעם קדושת ציון וואס איז דאן נאר געווען 22 יאר אלט, אלס רב הצעיר אין באבוב, און ער איז צו געשטאנען צום טאטן'ס האנט מיט סיי וואס עס האט זיך אויסגעפעלט,

דארט האט דער הייליגער קדושת ציון געפירט זיין התנהגות אויף א גאר הויכע מדרגה, ער פלעגט יעדן טאג קומען צו שחרית אין ביהמ"ד הערן ברכו און קדושה בציבור, אבער דאווענען פלעגט ער אין זיין חדר מיוחד, און זיין דאווענען האט גענומען ביז נאך חצות,

דערציילט מען, אז איינמאל ווען דער גאון הגה"ק רבי בצלאל ישעיה ברנשטיין זי"ע הנקרא בצלאל דיין, איז געווען אין שטאט באבוב און צוגעזען דאס התנהגות פונעם זוהן דער קדושת ציון, איז ער געגאנגען צום טאטן רבי שלמה און געפרעגט, פארוואס ער לאזט דעם זוהן אזוי יונג צו דאווענען אזוי שפעט און פאסטן ביז חצות יעדן טאג,

האט דער טאטע געזאגט פאר רבי בצלאל, קום צוזאמען מיט מיר הערן ווי אזוי ער דאווענט, וועסטו שוין פארשטיין, און דער טאטע מיטן דיין זענען אזוי געשטאנען א פערטל שעה, און אויס געהערט ווי אזוי דער יונגערמאן דאווענט מיט א געוואלדיגע מתיקות און פון טיפעניש פון הארץ, און דער דיין רבי בצלאל זי"ע איז ממש ארויס פון התפעלות, און מודה געווען פארן טאטן אז ער איז גערעכט, און די טאטע האט געזאגט, "אויב א איד קען אזוי דאווענען צום באשעפער, קען מען אים נישט צוריק האלטן פון אזא דאווענען",

איינמאל ווען דער דיין ר' בצלאל איז איינגעשטאנען אין שטוב פון דעם באבובער רב ר' שלמה, איז ער געשלאפן אונעם שלאף צימער צוזאמען מיטן בן יחיד רבי בן ציון, און ביינאכט האט זיך רבי בצלאל געמאכט ווי ער שלאפט, כדי צו זעהן דעם עבודת הקדוש פון דעם יונג צדיק בן ציון,

האט דער דיין רבי בצלאל זי"ע געזען, ווי דער יונגער בן ציון גייט ארויס פון בעט, און זעצט זיך לערנען די גאנצע נאכט ביז פארטאגס, און פארטאגס האט ער זיך צוריק געלייגט, כדי קיינער זאל נישט וויסן אז ער איז אויף געווען דעם גאנצן נאכט לערנענדיג, דער רבי בצלאל האט זיכער געמיינט, אז דער בן ציון האט זיכער געלערנט די גאנצע נאכט כתבי האריז"ל אדער קבלה זאכן, אבער ווי ערשטוינט איז ער געווען ווען ער האט געזען, אז דער קדושת ציון האט געהארעוועט די גאנצע נאכט אויף גמרא רש"י תוספות מיט א געוואלדיגע התמדה,

אין יענע יארן האט דער קדושת ציון געהאט א נס, בשעת ער איז געגאנגען איינמאל מיטן טאטן צום טייך, וואס דער דאקטאר האט געהייסן פארן טאטן'ס געזונט אז ער זאל זיך גיין באדן ביים טייך, איז דער קדושת ציון זייענדיג א יונגערמאן אויך אריין שווימען דארט אין וואסער, און ער איז פארכאפט געווארן פון די כוואליעס, און כמעט פארלוירן דאס לעבן, אבער בחסדי ד' האט מען אים ארויס געראטעוועט פונעם וואסער, און דער טאטע האט דאס אנגעוואנדען אונעם זכות פונעם הייליגען זיידן דער צאנזער רב זי"ע,

איינמאל זייענדיג ביים פעטער דער הייליגער שינאוואר רב זי״ע אויף שבת קודש, האט דער שינאווער רב מכבד געווען דעם קדושת ציון צו דאווענען קבלת שבת פארן עמוד, און ביי לכה דודי ביים שטיקל פון לא תבושי האט דער קדושת ציון געזונגען גאר א שיינעם לעבעדיגן ניגון, וואס דער גאנצער עולם ובתוכם דער הייליגער שינאווער רב זי״ע זענען ממש געטאנצן מיט א שמחה לכבוד דעם הייליגען שבת קודש,

נאכן דאווענען ווען דער קדושת ציון איז אריבער זאגן א גוט שבת פארן פעטער, האט זיך דער פעטער זייער באדאנקט פארן דאווענען, און געפרעגט, ״וועמענס ניגון איז דער לא תבושי״, האט דער קדושת ציון געזאגט, אז דאס האט ער ספעציעל מחבר געווען לכבוד דעם פעטער, האט דער הייליגער שינאווער רב געזאגט, ״לפי דעתי וועט מען מיט דעם ניגון קעגן גיין משיח צדקנו״.

בשנת תרנ״ט האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חי' פראדל ע״ה,
בת דודו הרה״ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זי״ע, (חתן הרה״ק רבי מרדכי דוב מהורנסטייפל זי״ע,)
בן הרה״ק בעל דברי חיים מצאנז זי״ע,
און די חתונה איז פאר געקומען כ״א סיון בשנת תרנ״ט, בהשתתפות פון גאר אסאך רבנים און צדיקים פונעם דור, וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם גרויסן שמחה ביים באבובער רב זי״ע ווי ער מאכט חתונה זיין בן יחיד, און אויך לכבודו פונעם מחותן דער זוהן פונעם הייליגען צאנזער רב זי״ע,

נאך די חתונה איז ער געבליבן ביים שווער דער הייליגער ראצפערטער רב זי״ע, ביז חצי אלול, דאן איז ער צוריק געפארן קיין באבוב אויף די הייליגע טעג, און ער איז שוין געבליבן דארט שטייענדיג צו די האנט פארן טאטן זי״ע פירענדיג די קהלה קדושה אין שטאט באבוב,

י״ב אב בשנת תר״ס איז צום רבין דער קדושת ציון זי״ע געבוירן געווארן א טאכטער הצדקת מרת דבורה לאה ע״ה, און אזוי ווי דאס איז געווען דעם ערשטן אור אייניקל פארן עלטער זיידן הרה״ק רבי מאטל'י מהארנאסטייפאל זי״ע, און ווי עס איז מקובל, אז דער וואס איז זוכה צו זען א דור רביעי אינו רואה פני גיהנום, איז דער עלטער זיידע געקומען מיט האלטן דעם גרויסן שמחה אין שטאט באבוב,

ט״ו טבת בשנת תרס״ב איז ליידער די מאמע פונעם רבין הרבנית הצדקת מרת רבקה הענא ע״ה נפטר געווארן יונגערהייט זייענדיג נאר 54 יאר אלט, נאכן מיט מאכן שווערער יסורים, און די טאטע מיטן בן יחיד דער הייליגער קדושת ציון זענען געזעצן שבעה,

נישט לאנג נאכדעם איז פארן קדושת ציון געבוירן געווארן זיין צווייטע טאכטער, און נאכן דורך רעדן מיטן טאטן וועגן דעם נאמען, האט מען פארן קינד געגעבן דעם נאמען רבקה בילא, רבקה נאך דעם באבע הרבנית מבאבוב, און בילא נאך די באבע די מוטער פון רבי שלמה מבאבוב זי״ע,

בשנת תרס״ה ב' דראש חודש תמוז, איז דער טאטע הרה״ק רבי שלמה מבאבוב זי״ע נסתלק געווארן אונעם קור ארט באדנהיים נעבן שטאט פרנקפורט דמיין, און מען האט צוריק געברענגט דעם גוף קדוש קיין באבוב וואס האט גענומען צוויי טאג, וואס דעם גאנצן צייט איז דער קדושת ציון געווען א אונן וואס טאר נישט מאכן קיין ברכה, האט דער הייליגער קדושת ציון געפאסט צוויי טאג ביז נאכן לוי' פונעם טאטן זי״ע,

שבת קודש פרשת קרח בשנת תרס״ה זענען גרויסע רבנים און גדולים געקומען מחזק זיין דעם זוהן דער הייליגער קדושת ציון זי״ע, און דאן האט מען מכתיר געווען דעם זוהן אלס ממלא מקום פונעם טאטן זי״ע, מיטן איבער געבן דעם טלית צום דאווענען תפילות שבת קודש,

יענעם שבת איז געווען א גאר געהויבענע שבת קודש, און אפילו זייענדיג גאר צובראכן פון די פטירה פון זייער הייליגען רבין, האבן זיך די חסידים מחזק געווען, אז כאטש האט די רבי זיי איבער געלאזט דעם הייליגען זוהן דער קדושת ציון וואס זאל זיי ווייטער פירן, עס איז געווען א זעלטענע מראה דעם הארציגן קידוש פונעם קדושת ציון דעם ערשטן שבת, און אויך די הארציגע זמירות וואס דער זוהן האט געזינגען ביי די שבת קודש טישן,

גאנץ אנפאנג האט דער הייליגער קדושת ציון נישט געוואלט איבער נעמען דאס רבנות אין באבוב, ווייל ער האט באמת ביי זיך געהאלטן אז ער איז נישט ראוי לאותו איצטלא, און ער האט געטון אלעס וואס איז געווען אין זיין יכולת אוועק צו שטיפן דאס רבנות, ער האט אפילו דאן אנגעהויבן טון אין מסחר וואס פון דעם האט ער געוואלט זיין א נהנה מיגיע כפו,

אבער די חסידים פונעם טאטן וואס זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים און חסידים ואנשי מעשה האבן נישט געוואלט נאכלאזן, און נאך א שטיק צייט מיט השתדלות פון אסאך גדולים און צדיקים, האט ער אן גענומען דאס רבנות, צו זיין דער ממלא מקום פונעם טאטן, און ווי ער האט זיך אויסגעדריקט בזה״ל, ״וואס זאל איך טון אז פון הימל האט מען אזוי געוואלט״,

דער זוהן דער קדושת ציון איז געווען גאר שטארק צובראכן נאכן פטירה פונעם טאטן אזוי יונג, אויך האט דער טאטע זי״ע איבער געלאזט גרויסע חובות מיט וואס דער זוהן דער קדושת ציון האט זיך זייער געפלאגט און נישט געוויסט פון ווי ער וועט דאס קענען באצאלן,

זענען געווען א גרופע חסידים פונעם טאטן, וואס האבן זייער רחמנות געהאט אויפן זוהן, זענען זיי ארויף צום רבין'ס ציון און מתפלל געווען אז זיי זאלן האבן סייעתא דשמיא צו קענען דעקן די חובות, און לפלא די חסידים האבן געקויפט דעם לאטערי, און געווינען א שיינעם סכום, וואס מיט דעם האבן זיי געדעקט א גרויסע חלק פון די חובות פונעם רבין זי״ע,

דאס האט צו געגעבן א שטארקע חיזוק פארן קדושת ציון זענדיג ווי דער טאטע מעולם העליון קוקט זיך אים אויף אים, האט ער זיך מחזק געווען און אנגעהויבן פירן דאס רביסטעווע אין שטאט באבוב,

ער איז נאך דאן ארום געפארן צוזאמען שטעלן געלט צו דעקן די איבער געבליבענע חובות פונעם טאטן, דאן איז א תלמיד

פונעם טאטן הרה"ח ר' יחזקאל קעלמאן ע"ה געוואויר געווארן פון די חובות, און עס האט אים באמת וויי געטון, אז דער זוהן זייענדיג נאך גאר יונג דארף זיך מיטשעפענען מיט די חובות, און דער ר' יחזקאל זייענדיג א בעל פרנסה, האט ער מיט מסירת נפש פארקויפט א גרויס חלק פון זיינע נכסים, און דאס געלט אוועק געשאנקען צו דעקן די חובות.

דער קדושת ציון איז געווארן גאר שטארק איבער גענומען פון דעם אויסטערלישע געטריישאפט פון דעם חסיד ר' יחזקאל, און אים געוואונטשן א ברכה אויף עשירות, און שפעטער האט דער ר' יחזקאל טאקע גאר שיין מצליח געווען אין מסחר און געווארן א גרויסע עושר.

דאן האט דער הייליגער קדושת ציון אנגעהויבן מרביץ תורה זיין פאר אידישע קינדער דארט אין שטאט, און אנגעהויבן אויפהייבן דעם כוח התורה צווישן די קינדער און בחורים.

בשנת תרע"ב האט דער קדושת ציון אויף געשטעלט זיין ישיבה עץ חיים לשמו ולזכרו פונעם זיידן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, און גאר שנעל איז דער ישיבה געווארן באקאנט אלס איינע פון די גרעסטע ישיבות אין פולין, און דער קדושת ציון האט זיך ארייגעלייגט אין דעם ישיבה ראשו ורובו מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און פון דארט זענען ארויס געקומען תלמידים מצויינים און לומדים מופלגים, דער צדיק האט אליין פאר געלערנט טיפע סוגיות הש"ס, און אויך געלערנט מיט די תלמידים מוסר און תורת החסידות.

ליידער י"א תשרי בשנת תרע"ה האט דער הייליגער קדושת ציון געברויכט אנטלויפן פון שטאט באבוב מיט זיין ווייב און זיבן קינדער, צוליב די אנגעצויגנקייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, איז ער דאן אנטלאפן קיין צאנז, וואס איז געווען א גרעסערע שטאט, און עס איז געווען לייכטער אין צייט פון מלחמה.

דאן נאך א גאר שווערע וועג איז דער קדושת ציון מיט די משפחה אנגעקומען קיין וויען, ווי עס האבן זיך אויפגעהאלטן איבער אכציג טויזנט אידישע פליטים פון גאנץ גאליציע און בוקאווינא, און דארט האט זיך דער קדושת ציון מסדר געווען מיט די משפחה, אויך איז דארט געבוירן געווארן א טאכטער צום קדושת ציון זי"ע.

סוף פון די מלחמה איז דער קדושת ציון מיט די משפחה געפארן זיך אויפהאלטן אין שטאט מארינבאד, און דער חסיד רבי משה דוד לייטנער ז"ל האט זיך איינגעבעטן ביים קדושת ציון אז ער זאל איינשטיין ביי אים אין זיין גרויסע האטעל, און בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין געלט פונעם רבין.

דאן איז אויך דארט געווען הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און עס איז געווארן דאן א גאר שטארקע קשר צווישן די צוויי צדיקים, אויך האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געמאכט א שטארקע קשר מיט דעם קליינעם זוהן שלמה'לע די שפעטערדיגע באבובער רב זי"ע.

אלול בשנת תרע"ז האט ער זיך צוריק געקערט צום שטאט באבוב, וואס איז ליידער געווען א חורבן נאך די מלחמה ווייל די מיליטער האט ליידער חרוב געמאכט דעם ביהמ"ד און אלע אנדערע פלעצער, און מיט שווערקייטן האט מען פראבירט צוריק צו ברענגען דעם שטאט צום שיינקייט וואס עס איז געווען בעפאר די מלחמה.

ליידער דריי יאר שפעטער האט מען נאכאמאל געברויכט נעמען דעם וואנדער שטעקן, ווען די פוילישע מדינות האבן געוואלט אראפווארפן דעם הערשאפט פון די עסטרייך רעגירונג, איז דער קדושת ציון דאן ווייטער אנטלאפן פון שטאט באבוב, און זיך אויף געהאלטן אין שטאט קראקא.

דארט אין קראקא איז דער רבי מיט די משפחה, געראטעוועט געווארן פון א סכנה ממש מיט גרויסע ניסים, ווען די פוילישע ארמיי איז אנגעקומען, און האבן געכאפט דעם גאנצן משפחה פונעם רבין, און זיי אויס געשטעלט ביים וואנט אין דעם רבין'ס דירה, און געוואלט ח"ו אומברענגען די גאנצע משפחה, אבער נאכן טרעפן א גרויסע סומע מיט געלט אונעם לעדל פונעם רבין, האבן זיך די רשעים באגנוגט, און געלאזט דעם רבין מיט די קינדער גיין פריי.

דאן איז דער הייליגער קדושת ציון זי"ע אנטלאפן מיט די גאנצע משפחה קיין מישלניץ, אבער פון דארט איז ער אויך אוועק בשנת תר"פ און זיך באזעצט אין שטאט האללאנד, אבער דארט האט דער צדיק נישט געוואלט וואוינען צוליב וואס די איינוואוינערס זענען געווען גאר מאדערן, איז ער צוריק געפארן קיין מישלניץ.

דארט אין מישלניץ האט דער צדיק צוריק אויף געשטעלט דאס חסידות באבוב, און ער האט דאן גאר שווער לוחם געווען קעגן די וואס האבן פראבירט אראפ צו פירן אידישע קינדער פון אידישן וועג, ווייל נאך די מלחמה האבן ליידער גאר אסאך אידן אראף געווארפן פון זיך דעם עול התורה והמצוות, אבער דער צדיק האט גענומען אסאך אידישע קינדער אינטער זיינע פליגלען, און זיי מחזק זיין צו בלייבן ערליך און ווייטער היטן די הייליגע תורה.

דאן האט דער הייליגער קדושת ציון, וואס באמת איז ער אייביג געווען א נחבא אל הכלים און זיך קיינמאל נישט ארויסגעשטעלט, אבער וועגן די מצב, האט ער זיך ארויס געשטעלט אלס א לוחם מלחמת ד' און פארפירט איבעראל און מקרב געווען הונדערטער בחורים, און מיט א געוואלדיגע ליבשאפט האט ער אריין געלייגט תורה און אידישקייט אין זיינע תלמידים, ער האט פערזענליך זיך אפגעגעבן מיט די בחורים און פאר געלערנט שיעורים פאר זיי.

בשנת תרפ"ג איז דער קדושת ציון צוריק צום שטאט באבוב, און ער האט אנגעהויבן צוריק אויפבויען דעם חסידות באבוב, אויפן זעלבן וועג ווי עס איז געווען בעפאר די ערשטע וועלט מלחמה, ער האט אויף געשטעלט א נייע ישיבה, און בחורים פון אלע שטעט זענען געקומען דארט לערנען, און צוביסלעך איז די ישיבה געוואקסן צוריק צו איינע פון די גרעסטע ישיבות אין פולין.

אבער צוליב די חובות וואס די גרויסע ישיבה האט געברענגט, האט ער געהייסן פאר זיינע חסידים, אז יעדע שטאט

ווי עס געפינט זיך א קבוצה פון באבוב חסידים, זאל מען אויף מאכן א עקסטערע ישיבה, און די שטאט מענטשן זאלן שתדל'ן צו אויס האלטן די ישיבה, און נאר בחורים וואס וואוינען אין שטאט באבוב זאלן קומען לערנען צו אים, און דאן האט זיך די ישיבה עץ חיים פארשפרייט אין פערציג שטעט, אויך האט מען דאן מייסד געווען שטיבלעך ווי די חסידים פון באבוב האבן געדאווענט און געלערנט,

דאן איז דאס חסידות באבוב געוואקסן צו איינע פון די גרעסטע חסידות'ער אין גאנץ אירופה, דער קדושת ציון האט מיט א געוואלדיגע מסירת נפש געשאפן גרויס געלט פאר די אלע מוסדות און ישיבות, אבער פאר זיך האט דער צדיק געלעבט אין א שרעקליכע ארעמקייט, אבער דאס אלעס האט דעם צדיק נישט אינטערעסירט, ווייל דאס אידישקייט פון די אלע חסידים איז געווען ביים צדיק דאס וויכטיגסטע זאך אין לעבן,

גאר אסאך קלוגע אידן וואס האבן געזען דאס מסירת נפש פון דעם קדושת ציון פאר אידישקייט, האבן געגעבן גרויסע סכומים פארן צדיק, אז ער זאל קענען אויפטון וואס ער האט באמת געוואלט, אז אידישקייט זאל ח"ו נישט גיין לאיבוד, און נצח ישראל לא ישקר, עס האט זיך אנגעזען זיין שווערער עבודה, ווען טויזנטער אידן האבן אין זיין זכות געפירט ערליכע אידישע שטובער, אפילו נאך די אלע צרות וואס אידן זענען דורך ביי די מלחמה,

אבער ליידער איז דארט אין שטאט באבוב געווען א קבוצה אידן, וואס זענען צוגעצויגן געווארן צום ציוניסטישן פארטיי, אין האבן געפירט א פרייען לעבן אן קיין תורה און מצות, דער צדיק האט פראבירט צו רעדן צו זיי און זיי זאגן מוסר, אבער ליידער האט דאס נישט געהאלפן, און פון גרויס צער און עגמת נפש, האט דער צדיק מער נישט געוואלט דארט וואוינען,

און דערפאר בשנת תרצ"א האט ער מיטן הסכמה פון הגה"ק רבי דוב בעריש וויידנפעלד אב"ד טשעבין זי"ע, זיך געצויגען קיין טשעבין, די פרנסי הקהילה אין שטאט טשעבין האבן זייער געוואלט מאכן א הסכם מיטן באבובער רב דער קדושת ציון, אז ער האט נישט קיין שום רעכטן אויף די רבנישע ענינים אין שטאט, ווייל זיי האבן דאך געוויסט אז דער קדושת ציון איז א גרויסע רבי, און זיי האבן מורא געהאט אז דער טשעבינער רב וועט דערלייגן הכנסות און כיבודים צוליב דעם קדושת ציון,

אבער דער הייליגער טשעבינער רב האט בשום אופן נישט געוואלט מאכן דעם קדושת ציון אינטער שרייבן דעם הסכם, אבער דער קדושת ציון ווען ער איז געוואויר געווארן דערפון, האט ער אליינס אפ געשריבן א הסכם און דאס אינטער געשריבן, און געשיקט צום טשעבינער רב, און די טובי הקהל האבן זיך מיט דעם באגניגט,

דארט אין טשעבין האט דער קדושת ציון אויף געשטעלט א גרויסע באבובער הויף, ווי צענדליגע און טויזנטער חסידים האבן זיך דארט מדבק געווען אין דעם צדיק און געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, און אפילו זייענדיג דער גרעסטער חסידות דארט אין טשעבין, האט ער גאר שטארק מכבד געווען דעם טשעבינער רב, און אלע כיבודים געגעבן פארן רב אז ער זאל ח"ו גארנישט פארלירען צוליב זיין אנקומען דארט אין שטאט,

בשנת תרצ"ד האבן זיך די הפקר יונגען פון שטאט באבוב אוועק געצויגען פון שטאט באבוב, און מען האט דאס געלאזט וויסן פארן קדושת ציון, איז ער דאן צוריק געקומען קיין באבוב, און דארט ווייטער געפירט דאס חסידות ביז צו די מלחמה,

א קליין חלק פון זיינע הייליגע דברי תורה זענען נאך די מלחמה געדריקט געווארן דורך זיין זוהן הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע אונעם ספר קדושת ציון על התורה ומועדים, אבער רוב פון זיינע דברי תורה זענען ליידער פארלוירען געווארן ביי די מלחמה, וחבל על דאבדין,

ער האט געהאט זיינע קינדער,

בתו הרבנית הצדקת מרת דבורה לאה ע"ה, אשת הרה"צ רבי יעקב ישראל טווערסקי ממילוואקי זי"ע,
הרה"ק רבי שלמה זי"ע, אדמו"ר מבאבוב אמעריקע, ובנו הרה"ק רבי נפתלי צבי מבאבוב זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת נחמה גולדה ע"ה, אשת הרה"ק רבי משה סטמפל זי"ע, הי"ד, בזיווג שני אשת הרה"צ רבי יהושע פרישוואסער מלאנדאן זי"ע,
הרה"ק רבי חיים יהושע זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי יחזקאל דוד מפאקשיווניץ זי"ע, חתן הרה"ק רבי אברהם מפאקשיווניץ זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת רבקה ביילא ע"ה, אשת הרה"ק רבי יחזקאל שרגא האלברשטאם זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק רבי ישעי' מטשחויב זי"ע, הי"ד,
בתו הרבנית הצדקת מרת ברכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי שלמה רובין זי"ע, הי"ד,
בתו הרבנית הצדקת מרת שיינדיל רייצא ע"ה, אשת הרה"ק רבי ישראל דוב ווייץ זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת גיטשא ע"ה, אשת הרה"ק רבי מרדכי צבי ליפשיץ זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת מלכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ישראל יעקובר זי"ע,
הבחור משה אהרן זי"ע, הי"ד,

בשנת תרצ"ט האט זיך שוין געפיעלט אין די ליפטן דאס אנגעצויגענקייט אז עס קומט א מלחמה, מען האט שוין דאן געהערט פון די רציחות וואס די דייטשן ימ"ש האבן געטון מיט אידן אין דייטשלאנד, דער צדיק האט דאס מרגיש געווען און כסדר מזכיר געווען אז מען דארף גרויס רחמי שמים צו ניצול ווערן דערפון,

יענעם יאר שמיני עצרת, ווען דער צדיק האט געדאווענט ביים עמוד מוסף תפילות גשם, און אנגעקומען צו די ווערטער "תולדותם נשפך דמם עליך כמים", האט דער צדיק ביטערלעך געוויינט, און ווען טרערן גיסן זיך פון זיינע הייליגע אויגן, האט דער צדיק וקדוש איינגעריסן פאר כלל ישראל,

נישט לאנג נאך די ימים טובים, האט דער קדושת ציון זיך ארויס געלאזט אויף א לאנגן גלות, ווי ער איז געפארן פון איין

שטאט צום אנדערן און נישט געהאט קיין מנוחה, אבער ווי ער איז אנגעקומען האט ער מחזק געווען אידישע קינדער אז מען זאל ח"ו נישט פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און אפילו די רשעים נעמען ח"ו צו דעם גוף, קענען זיי אבער נישט צונעמען דעם נשמה פון א איד, און מען זאל זיין גרייט יעדע סעקונדע זיך מוסר נפש צו זיין על קידוש השם,

די עלטסטע טאכטער פונעם קדושת ציון הרבנית הצדקת מרת דבורה לאה אשת הגה"צ רבי יעקב ישראל טווערסקי זי"ע, האט שוין דאן געוואוינט אין אמעריקע, און זי האט מיט גאר שווערער כוחות ערלעדיגט א פאס פארן קדושת ציון צו קענען אנטלויפן קיין אמעריקע,

אבער דער קדושת ציון האט געזאגט, אז ער וועט בשום אופן נישט איבער לאזן זיין משפחה און אויך נישט רבי ישעי'לע טשעבויחער זי"ע, און נאך שווערער חדשים איז געלונגען צו ערלעדיגן פאר א גרויסע סכום געלט פעסער פאר זיי אלע,

אבער ליידער איז שוין געווען נגזר די גזירה, און דער קדושת ציון איז געווען דאן אין לעמבערג, און ד' תמוז בשנת תש"א האבן פלוצלונג די דייטשן איינגענומען לעמבערג און דאן איז שוין נישט געווען קיין וועג ארויס אפילו מיט דעם אמעריקאנער פעסער,

ערב שבת קודש ראש חודש אב בשנת תש"א איז דער קדושת ציון געווען אין שטוב פון הרה"ח רבי אלי' אביגדור ברינגער ז"ל הי"ד, און זיך געגרייט אויפן הייליגען שבת קודש,

שפעט נאכמיטאג זענען געקומען אוקראינער זעלנער און אוועק געפירט דעם הייליגען קדושת ציון מיט זיין יונגסטער זוהן משה אהרן הי"ד, וואס האט נישט געוואלט לאזן דעם טאטן גיין אליין, און צוזאמען מיט זיי האט מען גענומען נאך אסאך חשובע אידן פון שטאט ובתוכם רבנים,

מען האט זיי געפירט בשעת זיי ווערן באגלייט דורך די דייטשע מיליטער ימ"ש, און בשעת'ן גיין האט זיך דער קדושת ציון זי"ע, וואס איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, זיך נאכגעשלעפט, האבן די דייטשן ימ"ש אים געשלאגן מיט מכות, און די אלע אידן געפירט צום בנין פלטשינסקי ווי די דייטשן זענען געווען סטאנציאנירט,

דעם קומענדיגן טאג האבן זיי אויך געכאפט די דריי איידעמער פונעם קדושת ציון רבי יחזקאל שרגא הלברשטאם, רבי משה סטעמפל, און רבי שלמה רובין, און זיי אויך געברענגט צום זעלבן בנין,

מאנטאג אינדערפרי ד' מנחם אב בשנת תש"א, זענען געקומען די אקראינישע מערדער, און צוזאמען מיט די דייטשע רוצחים ארויף געלייגט אלע אידן אויף וואגאנען, און זיי אלע געפירט צום דערנעבעדיגן וואלד יאנאווע, און דארט האט מען געצווינגען די אידן צו גראבן א מאסן קבר, און פארנאכטס האבן זיי ליידער דארט אומגעברענגט צוועלף טויזענט קדושים וטהורים, ובתוכם דעם הייליגען קדושת ציון זי"ע הי"ד, זיינע הייליגע איידעמער און דעם זוהן הבחור משה אהרן זי"ע הי"ד,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

ביים ערשטע וועלט מלחמה האט מען אין וויען געפאדערט פון יעדן זיך צו שטעלן צו די מיליטער, אויסער רבנים און מענטשן וואס האבן היתר הוראה, איז געווען רבנים וואס האבן געטיילט פאלשע היתר הוראות פאר אידן, כדי די אידן זאלן זיך קענען פטר'ן פון מיליטער, אבער דער הייליגער קדושת ציון האט בשום אופן נישט געוואלט געבן פאלשע פאפירן, ווייל ער האט געזאגט, אז מען וועט עס נאך כאפן, און כך הוה מען האט ליידער דאן איינגעזעצט אסאך רבנים און גדולים צוליב דעם,

איז געווען א איד הרה"ח ר' בנימין בעלעדער ז"ל א תלמיד און א גרויסע חסיד פון דעם טאטן דער באבובער רב רבי שלמה זי"ע, וואס האט זיך געברויכט שטעלן צום מיליטער, איז ער געגאנגען זיך מזכיר ביים קדושת ציון, האט דער קדושת ציון געגעבן די האנט פאר דעם איד, און אנגעכאפט צוויי פינגערס פון דעם איד, און אנגעוואונטשן "דער רבונו של עולם זאל העלפן, אז דו זאלסט נישט גיין אין קריג",

ווען דער קדושת ציון האט אפגעלאזט דעם איד'ס האנט, זענען צוויי פינגער געבליבן איינגעבויגן און רבי בנימין האט די פינגער נישט געקענט אויסגלייכן בשום אופן, און צומארגנס ווען ער איז זיך געגאנגען שטעלן צום מיליטער, האבן זיי אים אונטער זוכט און געזען דעם מום, און האבן אים באפרייט פון מיליטער, און זיינע פינגער זענען אזוי פארבליבן איינגעבויגן ביז סוף פון די מלחמה, און איינמאל בשעת שלש סעודות סוף מלחמה האט ער באמערקט ווי די פינגער גלייכן זיך צוריק אויס,

דערציילט מען א מעשה נפלא, אז א איד פון שטאט בארדיוב וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם טאטן רבי שלמה מבאבוב זי"ע, איז דורך א שווערער משפט עטליכע וואכן נאכן פטירה, איז דער איד געפארן צום ציון פונעם רבין און מזכיר געווען און אויס געגאסן דאס הארץ פארן רבין זי"ע,

און גלייך נאכדעם אהיים געפארן, אן דעם וואס ער זאל אריין גיין נעמען שלום ביים זוהן דער הייליגער קדושת ציון זי"ע, וויבאלד דאן האבן נאכנישט אלע חסידים געהאט מקבל מרות געווען פונעם זוהן, וויבאלד ער איז נאר געווען בערך 30 יאר אלט, און אויך האט ער זיין הנהגה געפירט גאנץ באהאלטן, און די חסידים האבן באמת נישט געוויסט פון זיין גדלות,

יענע נאכט איז דער רבי ר' שלמה הראשון זי"ע געקומען אין חלום צו דעם איד און אים אויס געלערנט א טענה וואס ער זאל ניצן ביים געריכט, און ער וועט מיט דעם טענה באפרייט ווערן, און אויך האט ער אים פאר געהאלטן, היתכן ווען דו ביסט געקומען צו מיר קיין באבוב ביסטו נישט אריין צו מיין זוהן,

דער תלמיד האט פאר געלייגט פאר זיין אדוואקאט די טענה וואס די רבי האט אים געגעבן, אבער דער אדוואקאט האט נישט געהאלטן אז דאס וועט ארבעטן, אבער נאכן דורך גיין עטליכע טעג און מען האט פראבירט אלעס, און דער שופט האט גארנישט געוואלט אנעמען, האט דער אדוואקאט בלית ברירה מסכים געווען, צו ניצן דעם טענה וואס ער האט געזאגט פונעם רבין, און דער שופט האט דאס טאקע אנגענומען און דער איד איז באפרייט געווארן,

האט דער תלמיד געזען אז די ריידט פונעם רבין זי"ע האבן באופן נפלא געארבעט, האט ער דאס דערציילט פאר די אידן אין שטאט בארדיוב און עס האט געמאכט א שטארקע איינדרוק אויף די אלע חסידים פונעם טאטן, און אלע זענען דאן אריבער מקבל מרות זיין און אויף גענומען דעם זוהן דעם הייליגען קדושת ציון זי"ע אלס ממלא מקום פונעם טאטן,

הרה"ח ר' יעקב בייגל ע"ה האט פאר פרנסה אנגעפירט א גרויסע בעקעריי, און ער האט גאר שיין מצליח געווען, אמאל האט פאסירט, אז א גוי פון שטאט וואס האט זייער מקנא געווען דעם ר' יעקב מיט זיין געוואלדיגע הצלחה, האט ער געדינגען פאלשע עדות וועלכע זאלן גיין מעיד זיין ביי די רעגירונג, אז די בעקעריי איז שמוציג און עס געפינט זיך דארט שרצים, און אויך האט ער אונטער געקויפט די פאליציאנטן, אז זיי זאלן אריין גיין און בעקעריי און באשטעטיגן אז ס'איז אומריין,

דער ר' יעקב איז געווואיר געווארן אז דער גוי ארבעט אויס א בלבול אויף אים וואס קען אים קאסטן די פרנסה און צוגאב אויף עטליכע יאר תפיסה, איז ער געפארן קיין באבוב צו זיין רבין דער הייליגער קדושת ציון זי"ע, אריינקומענדיג צום רבין אין שטוב זעהט ער א מאדנע ערשיינונג, דער צדיק שטייט ביים פענסטער מיט קליינע שטיינדלעך, און ער ווארפט ארויס שטיינער פון די פענסטער, ר' יעקב איז געשטאנען פארוואונדערט און צוגעקוקט מיט ערשטוינונג וואס דער רבי טוט,

דאן דרייט זיך דער רבי דער הייליגער קדושת ציון זי"ע אויס צו ר' יעקב און זאגט אים, זעה נאר וואס איך טו דא, איך האב ארויס געווארפן ברעקלעך פון איבער געבליבענע חלה פאר די טויבן צו עסן, קומען אבער צו פליען ווראנעס עופות טמאים, וואס די גמרא זאגט אז זיי זענען אכזרים, און זיי שטויסן אוועק די טויבן, דערפאר ווארף איך שטיינדלעך צו פארטרייבן די ווראנעס, כדי די טויבן זאלן קענען עסן פון די ברעקלעך במנוחה,

ר' יעקב הערענדיג די ווערטער האט אויס געבראכן אין א געוויין, און דערציילט פארן רבין וועגן דעם ביטערן גורל, אז דער גוי וויל אריינגעבן דעם מסורה וועגן זיין בעקעריי, זאגט אים דער רבי, נו דאס טאקע טו איך דא, איך פארטרייב די טמאים וועלכע צושטערן די מנוחה פון די אומשולדיגע כשר'ע טויבן,

דאן האט ר' יעקב געגעבן א קוויטל פארן רבין, און די רבי האט אים געזאגט, זארג דיך נישט, כ'האב שוין פארטריבן דעם טומאה און ער וועט נישט מער קענען טוען קיין שלעכטס פאר די טויב, ווי עס שטייט אז כנסת ישראל איז צוגעגלייכט צו א יונה, און דער צדיק האט אים געוואונטשן א ברכה, און געזאגט פאר לחיים ולשלום און זיי מצליח, און זאלסט מיר מבשר זיין בשורות טובות,

אהיימקומענדיג דערציילט מען פאר ר' יעקב, אז די רגירונג האט געכאפט דעם גוי דער מסור ביי א שוידערליכע מעשה, אז ער האט געמאכט א שותפות מיט גנבים און רוצחים, און מען האט אים פאראורטיילט צו פילע יארן תפיסה, און דורך דעם איז ר' יעקב ניצל געווארן פון דעם בולבל פון דעם גוי דער רשע.

דער הייליגער קדושת ציון זי"ע איז איינמאל געווען אויף א שבת קודש אין שטאט קשאנוב, און שבת קודש צופרי ביים טיש בשעת'ן טיילן שריים קוגל, זענען אריין געקומען הפקר יונגן, און עס האט זיי זייער אנגעשמעקט צו באקומען קוגל פונעם רבין,

דער געטרייער חסיד הרה"ח ר' אהרן בארבער ע"ה האט די יונגען געוואלט פארטרייבן, אבער דער הייליגער קדושת ציון האט אים געוויזן אז ער זאל זיי גארנישט טון, און די יונגען האבן באקומען קוגל עס אויף געגעסן און דערנאך פארלאזט דעם ביהמ"ד, אבער לפלא מוצאי שבת קודש זענען די יונגען געקומען צום שטוב ווי דער צדיק איז געווען, און געבעטן אז זיי ווילן אריינגיין צום רבין, און דער רבי האט געהייסן אז מען זאל זיי אריינלאזן,

אריינקומענדיג האבן זיי אויסגעפלאצט אין א געוויין אז זיי זענען ליידער פארזונקען אין חטאים, און זיי פילען נישט קיין טעם אין לעבן, און געבעטן דעם רבין אז ער זאל זיי מיט נעמען און זיי מחזיר בתשובה זיין, דער הייליגער צדיק האט זיי טאקע מיט גענומען און זיך פרעזענליך אפ געגעבן מיט די יונגען, און זיי מחזיר בתשובה געווען, און איינע פון די זענען אפילו אויסגעוואקסן א גרויסער למדן, אלעס דורך די שריים פונעם צדיק,

דער אייניקעל הרה"צ רבי נפתלי צבי מבאבוב זי"ע האט דערציילט, אז אמאל האט פאסירט אז איד פון שטאט ערנסדארף איז ליידער נפטר געווארן יונגערהייט, און די אלמנה איז געבליבן מיט א זון וואס איז געווען 10 יאר אלט, און די פרוי האט ליידער נישט געהאט קיין געלט פאר פרנסה, און זי האט לכבוד דעם נישט געקענט שיקן דעם זון אין חדר, די פרוי איז געווען עובד עצות וואס צו טון מיט דעם קינד,

איין טאג האט זי באקומען א בריוו פון א ברודער וואס האט געוואוינט אין אמעריקע, און דער ברודער האט געשריבן פארן שוועסטער, אז ער איז מסכים אז דער קינד זאל קומען קיין אמעריקע, און דארט וועט ער אים אויסהאלטן מיט אלע צרכים, און שפעטער וועט ער גיין אין קאלעדזש און ווערן א מלומד אין א חכם און ער וועט זיכער מצליח זיין,

יענע צייט איז אנגעקומען אין שטאט ערנסדארף דער הייליגער קדושת ציון זי"ע, און מען האט דעם צדיק מסדר געווען אין א גאסט הויז פון א גוי, אבער דער גוי איז געווען א גרויסע רשע, און ער האט כסדר געשטערט דעם צדיק וקדוש, האבן די משמשים מסדר געווען אן אנדערן גאסט הויז ווי דער צדיק זאל גיין, און דארט האט מען באצאלט פאר צוויי וואכן שכר דירה,

איז דאן די פרוי די אלמנה זיך געקומען אויסרעדן צו די זקנים דארט אין שטאט, און זי האט דערציילט, אז דא טראגט איר ברודער אן צו נעמען איר קינד קיין אמעריקע, און ער וועט אים דארט ערציען און צושטעלן אלעס, אבער זי ווייסט נישט אויב זי זאל דאס טון, ווייל דאן האט יעדער איד געוויסט, אז אויב מען גייט קיין אמעריקע, נעמט נישט צו לאנג און מען לאזט ח"ו אפ די גאנצע תורה ומצוות, און די פרוי איז דאך געווען א ערליכע, האט זי געפרעגט וואס זי זאל טון,

צווישן די אידן איז אויך געווען דער הייליגער קדושת ציון זי"ע, און אזוי ווי ער האט געהערט די ווערטער פון די פרוי, האט ער געזאגט פאר די פרוי, אויב זענט איר מסכים, בין איך גרייט צו נעמען אייער קינד צו מיר אין שטאט באבוב, און איך וועל מיט דעם קינד לערנען און זארגן פאר זיינע אלע צרכים, און ווען ער וועט אי"ה קומען צו שדוכים וועל איך אויף דעם אויך זארגן,

פארשטייט זיך אז די מאמע ווען זי האט געזען אז אויך דא אין פולין האט זי איינער וואס איז מסכים זיך אפ צו געבן מיט איר קינד, האט גלייך מסכים געווען צום געשעפט, און אהין געגעבן דאס קינד פארן הייליגען קדושת ציון זי"ע, און דאן האט דער קדושת ציון געזאגט פארן גבאי'ן, מ'גיימיר אהיים קיין באבוב, האט דער גבאי געפרעגט דעם רבין, מען האט דאך ממש יעצט באצאלט ביים גאסט הויז פאר צוויי וואכן שכר דירה, איז פארוואס וויל די רבי שוין יעצט אהיים גיין,

האט דער הייליגער קדושת ציון זי"ע געזאגט, פארוואס ברויך איך דען ליידן נאך דא אין שטאט, נאר ווייל מען האט שוין באצאלט פאר שכר דירה פאר צוויי וואכן, איך האב ביז יעצט נישט פארשטאנען פארוואס דער באשעפער האט מיך יעצט געשיקט קיין ערנסדארף, איך שטיי שוין און ווארט צו פארשטיין פארוואס איך בין דא געקומען, און אויך געברויכט ליידן פון דעם אנדערן גוי,

אבער יעצט אז איך זעה אז דער באשעפער האט מיך דא געשיקט, נאר כדי צו ראטעווען א אידיש קינד פון ח"ו אנקומען קיין אמעריקע און רח"ל אפ לאזן אידישקייט, האב איך דאך שוין דערפילט דעם תפקיד, איז פארוואס ברויך איך נאך בלייבן דא אין שטאט, און מען איז טאקע גלייך אהיים געפארן קיין באבוב, און דער הייליגער קדושת ציון האט זיך מיט דעם קינד אפ געגעבן ווי א טאטע צו א קינד, און דאס קינד איז טאקע אויס געוואקסן א ערליכע איד און געפירט א ערליכע שטוב, אלעס מיט די מסירת נפש פון דעם צדיק,

הרה"צ רבי שלמה השני מבאבוב זי"ע האט דערציילט די מעשה, אין שטאט באבוב האט איין טאג א גוי אויף געמאכט א געשעפט ווי ער האט פארקויפט אלע מיני סחורות, און דורך דעם האבן אידן פון שטאט אנגעהויבן פארלירן זייערע פרנסות, וויבאלד די גוים פון שטאט האבן ענדערש געקויפט ביים גוי און נישט ביים איד, און די אידן פון שטאט האבן נישט געוויסט וואס צו טון,

איין טאג ווען דער צדיק וקדוש דער הייליגער קדושת ציון זי"ע האט געמאכט א סעודת מצוה, האט מען מזכיר געווען ביים צדיק די צרה וואס האט באטראפן אין שטאט, מיטן גוי וואס האט אויף געמאכט דעם געשעפט און ער מאכט שאדן פאר די פרנסות פון די אידן פון שטאט, האט דאן דער הייליגער קדושת ציון זי"ע געהייסן, אז מען זאל אריבער גיין צום געשעפט פון דעם גוי, און מען זאל דארט קויפן "10 הערינג" פישלך, וואס הערינג מיינט "שמועות טובות - גוטע בשורות",

א חסיד זיינער איז אריבער געגאנגען און געקויפט די הערינג פישלך און דאס געברענגט פארן רבין, דאן האט זיך דער צדיק אפגעגעבן מיט די פישלך און דאס צושניטן מען זאל דאס קענען עסן, אבער דאן האט דער צדיק זיך אנגעריפן, "די פיש האבן דאך א געפערליכע ריח פון נפט", און דער צדיק האט געהייסן מען זאל די פיש אראפ נעמען פון טיש,

לפלא דאן האט מען געהערט די גוטע בשורה, אז צוליב א פאס פון נפט אינעם געשעפט פונעם גוי, האט אויס געבראכן א שרעקליכע פייער אינעם געשעפט פונעם גוי, און זיין גאנצע געשעפט מיטן הויז זענען פארברענט געווארן, און ליהודים היתה אורה ושמחה, די אידן פונעם שטאט באבוב האבן צוריק באקומען זייער פרנסה, און דאס אלעס האט דער צדיק דער קדושת ציון זי"ע ערלעדיגט נאר מיטן קויפן דארט פיש,

ביי די צווייטע וועלט מלחמה ווען די אידן פון גאנץ אירופה האבן ליידער געליטן שרעקליכע צרות, און ליידער איז א גרויסע חלק פון כלל ישראל אומגעקומען אויף קידוש השם, האט דער הייליגער קדושת ציון זי"ע הי"ד געזאגט, אונז זעמיר מאמין באמונה שלימה, אז ווען משיח צדקנו וועט קומען בקרוב און אונז אויסלייזן פון דעם גלות, וועט דער דערבארעמדיגער באשעפער נקמה נעמען אין די גוים וואס האבן אפגעטון אזויפיל צרות פאר כלל ישראל, און דאן וועט ארויס קומען א גרויסע קידוש השם,

האט דער צדיק געפרעגט א קשיא, היתכן ווי אזוי קען זיין אז די רשעים וואס האבן אזוי געפייניגט די אידן, וועלן זוכה זיין אז עס זאל ארויסקומען דורך זיי אזא גרויסע קידוש השם און עס וועט נתגלה ווערן שמו יתברך דורך זייערע מעשים,

נאר האט דער צדיק געזאגט, בעוה"ר זענען דאך דא אידן וואס דורך זיך אויסמישן מיט די גוים, האבן זיי רח"ל איבער געלאזט אידישקייט און זייער אמונה אינעם גרויסן באשעפער, אבער ווי באקאנט האבן די גוים די רשעים אויך א שנאה צו איינער וואס שטאמט נאר אפילו פון אידן, און האבן אומגעברענגט אפילו די אידן וואס היטן נישט קיין שום אידישקייט, און ווי חז"ל זאגן (סנהדרין מ"ד) ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, און דערפאר זענען אפילו די שוואכע אידן גרייט צו גיין אויף קידוש השם, ווייל דאן ברענט אויף די אמת'ע נשמת ישראל,

און דאס איז אינעם זכות פון די רשעים, און דערפאר וועלן זיי זוכה זיין, אז די קידוש השם זאל ארויס קומען דורך זיי, אבער דאן וועט דער גרויסער באשעפער נקמה נעמען אין די רשעים, און זאלן מיר שוין טאקע זוכה זיין בקרוב, אז עס זאל שוין מקיים ווערן וואס מען בעט שוין אזויפיל יארן "°בִּינוּ מַלְכֵּנוּ נְקוֹם נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ" בקרוב ממש,

**יארצייט**
**דינסטאג ד׳ אב**

**הרה״ק רבי יהושע העשיל ב״ר חיים שמואל זי״ע, הי״ד,**
**(הורוויץ-שטערנפעלד), מחנטשין, עלקוש,**

ער איז געבוירן אין שטאט ניישטאט, בשנת תר״כ,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי חיים שמואל הורוויץ מחנטשין זי״ע,
בן הרה״ק רבי אליעזר מניישטאט זי״ע, (חתן הרה״ק רבי יוסף ברוך דער גוטער איד מניישטאט זי״ע, בן הרה״ק בעל מאור ושמש מקראקא זי״ע,)
בן הרה״ק רבי צבי הירש מלובלין זי״ע,
בן הרה״ק רבי יעקב יצחק החוזה מלובלין זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת שרה ע״ה,
בת הגה״ק רבי יהושע העשיל תאומים פרענקל מקאמארנא זי״ע,
בן הגה״ק רבי ברוך תאומים פרענקל בעל ברוך טעם מלייפניק זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און איינע פון די גדולי וזקן הרבנים וצדיקים בדורו, ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה, ער איז געווען מפורסם מיט זיין גרויסע כח התורה און קדושה, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א איש האמת, טויזענטער אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק, און בימיו איז ער געווען פון די גרעסטע רבנים און פון די זקני הרבנים בדורו, צדיקים האבן מעיד געווען, אז במחיצתו פון דעם צדיק וקדוש האט מען געשפירט אוירא דארץ ישראל, ער האט מיט זיין געוואלדיגע קדושה און דרשות מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקן המעשים און אהבת השם יתברך, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן נאכן גרויסן זיידן הגה״ק רבי יהושע העשיל מקאמארנא זי״ע, און דאן זייענדיג א פיצל קינד האבן שוין די צדיקים בדורו מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה, איינמאל איז דער הייליגער צאנזער רב זי״ע געווען ביים גוטער איד מניישטאט זי״ע, און דארט איז געלעגן די אייניקעל יהושע העשיל אין בעטל,

ווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי״ע איז צוגעקומען און געקוקט אויפן קינד, האט דער דברי חיים געזאגט פארן גוטער איד ווייזענדיג אויפן קינד בזה״ל, "די נאז איז אזוי ווי דער רבי פון לובלין", האט דער גוטער איד געזאגט פארן צאנזער רב , איך געדענק דעם רבי׳ן בעסער ווי איר געדענקט אים, און איך זאג, "ער האט אינגאנצן די צורה פונעם רבין פון לובלין",

ער איז אויף געוואקסן בצלו פון זיין גרויסן זיידן הרה״ק רבי יוסף ברוך דער גוטער איד מניישטאט זי״ע, וואס סיי ער איז געווען א אייניקעל פון גוטער איד, ווייל דער זיידע רבי אליעזר זי״ע איז געווען אן איידעם דארט,

אבער אויך זיין מאמע די צדקת מרת שרה ע״ה איז אויף געוואקסן אלס יתומה ביים גוטער איד זי״ע, ווען איר מאמע האט חתונה געהאט בזיווג שני מיטן גוטער איד, און דערפאר האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות ביים זיידן,

ער איז שוין פון אלס גאר יונג קינד געווען מפורסם אלס א מתמיד עצום און א למדן ושקדן נפלא בתורה, ער האט שוין דאן געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, די אידן פון שטאט ניישטאט האבן געוויסט צו זאגן, אז מען האט כמעט נישט געטראפן דעם יונגן למדן אן לערנען תורה, איינמאל איז איינע פון די אידן פון שטאט אריין געקומען אין ביהמ״ד, און דאס ביהמ״ד איז געווען ליידיג, נאר דער יונגעל יהושע העשיל איז דארט געווען, און ער איז געשטאנען ביים ארון קודש און מיט בכיות נוראות געוויינט און געבעטן ביים בורא כל עולמים, אז ער זאל ניצל ווערן אפילו פון א חשש ביטול תורה,

דער יונגער גאון איז געווען באוויסט אין שטאט אלס אזא למדן נפלא, אז עס האט זיך א שיינע פאר מאל געמאכט, אז דער קינד האט אינגאנצן פארגעסן אהיים צו גיין ביינאכט, און מען האט דעם קינד ארום געזיכט די גאנצע נאכט, און ווען דער שמש איז אנגעקומען אין ביהמ״ד ווינטער צופרי צוווארעמען דעם ביהמ״ד פארן טאג, האט ער געטראפן דעם יונגען גאון הארעווען אויף תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און דער קינד האט בכלל נישט פארשטאנען פארוואס מען האט אים אזוי געזיכט, און געזאגט, "וואס איז די בהלה, איך האב זיך פארלערנט",

דער צדיק רבי יהושע העשיל זי״ע האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות ביים הייליגען צאנזער רב זי״ע, וואס דער הייליגער צאנזער רב איז אים געווען א פעטער, זייענדיג א איידעם ביים הייליגען ברוך טעם זי״ע און א שוואגער מיטן זיידן רבי יהושע העשיל מקאמארנא זי״ע, דער דברי חיים האט זיך כסדר משתעשע געווען מיטן קינד און גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין התנהגות דקדושה מיט וואס ער האט זיך שוין געפירט אפילו נאך אין די גאר יונגע יארן,

דערציילט מען אז איינמאל איז ער געווען מיטן טאטן ביים הייליגען צאנזער רב זי״ע, און ביים טיש איז ער געשטאנען אינטערן צאנזער רב, אינמיטן די טיש האט דער דברי חיים געפרעגט דעם טאטן רבי חיים שמואל, ווי איז הערשעלע, האט דער טאטע געזאגט אז ער שטייט אינטערן רבין, און דער צאנזער רב האט אהין געגעבן א גלעזעלע וויין פון די שיריים, אבער א אנדערע קינד האט גענומען דעם גלעזל,

אבער ווען דער צאנזער רב האט געגעבן לחיים פארן קינד, האט ער געפרעגט דעם טאטן מיט וואונדער, דער קינד איז הערשעלע, ווען דער טאטע האט א קוק געגעבן האט ער געזאגט פארן דברי חיים, אז ניין דאס איז נישט הערשעלע נאר א אנדערע קינד, האט דער דברי חיים געזאגט בזה״ל, "איך האב גלייך געשפירט אז דאס איז נישט הערשעלע",

איינמאל איז דער צדיק רבי יהושע העשיל געווען צוזאמען מיט זיין גרויסן טאטן רבי חיים שמואל זי״ע ביים הייליגען צאנזער רב זי״ע, און דער טאטע האט געגעבן א קוויטל פארן דברי חיים, און צווישן די זאכן וואס ער האט מזכיר געווען איז געווען, אז דער צדיק זאל בענטשן דעם קינד יהושע העשיל, אז ער זאל זוכה זיין צו התמדה בלימוד התורה בקדושה,

האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט פארן קינד יהושע העשיל בזה"ל, "איך האב מקובל פון דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, אז דו וועסט זיין א מתמיד, וועסטו זיין א רבי, ווייל מ'קען נישט נעמען קיין קוויטל, נאר מיטן כח התורה", ווייל צו זיין א רבי און נעמען קוויטלעך ברויך מען קודם לערנען תורה לשמה בקדושה ובטהרה,

סיון בשנת תרל"ו האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת מלכה פייגא ע"ה,
בת הרה"ק רבי פנחס רבינוביץ מקינצק זי"ע,
בן הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע,
בן הרה"ק רבי ירחמיאל מפשיסחא זי"ע,
בן הרה"ק רבי יעקב יצחק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע,

בעפאר פסח בשנת תרל"ו ווען ער איז שוין געווען א חתן, איז ער אריין מיטן טאטן צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, און דאן האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע מבטיח געווען פארן טאטן, אז ער וועט אי"ה זיין ביי די חתונה פונעם זון, אבער די חתונה איז פאר געקומען נאך שבועות, וואס איז שוין געווען נאכן הסתלקות פונעם צאנזער רב זי"ע, ויהי לפלא,

נאך די חתונה האט דער צדיק געוואוינט אין שטאט קראקא, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה, דארט האט ער געדאווענט און אפגעראכטן זיין עבודת השם, אינעם ביהמ"ד פון זיין פעטער הרה"ק רבי ארון מקראקא זי"ע דער הייליגע זוהן פונעם מאור ושמש זי"ע,

בשנת תר"ע האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין חנטשין, און דארט האט דער צדיק געדינט אלס רב פאר בערך 6 יאר, דארט האט דער צדיק גאר אסאך אויף געטון פארן שטאט, אידן אין דעם שטאט חנטשין האבן גאר שטארק מכבד געווען דעם צדיק וקדוש, אויך איז ער שוין דאן געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, אידן פון גאנץ פולין זענען געקומען פאר ברכות פון דעם צדיק וקדוש,

זיין טאטע הרה"ק רבי חיים שמואל זי"ע האט גאר שטארק מעריך געווען זיין זוהן רבי יהושע העשיל זי"ע, און כמה פעמים האט ער נאך בחייו אפילו אין די גאר יונגע יארן פונעם זוהן אים מסמך געווען לרבנות, ער האט כסדר גערעדט פון די גדלות בתורה פון זיין זוהן און אויך זיין גרויסע כוח פון פועלען ישועות פאר אידן, ער האט כסדר געשיקט אידן וואס זענען געקומען צו אים פאר א ישועה, האט ער זיי געהייסן פארן צו זיין זוהן און געזאגט, מיין זוהן יהושע העשיל איז א גרויסע פועל ישועות, און אויך גאר אסאך צדיקי הדור האבן געשיקט קוויטלעך זיך מזכיר זיין ביים זוהן,

ער האט געהאט תלמידים גאונים וגדולים בתורה ובתוכם,

הרה"ק רבי קלונימוס קלמן בעל חובת התלמידים מפיאסצנה זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי ישעי' אב"ד ווידאמע זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי אלטר משה דוד מטשימילוב זי"ע,
הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע,
הרה"ק רבי יהודה ליבוש מזאוויערטשע זי"ע,

י"ח טבת בשנת תרע"ו נאכן הסתלקות פון זיין גרויסן טאטן הרה"ק רבי חיים שמואל זי"ע, האט דער זוהן רבי יהושע העשיל זי"ע זיך אריבער געצויגען קיין עלקוש, און אין שטאט קיעלץ האבן געדינט זיינע צוויי יונגערע ברודער'ס, וואס דער עלטערע ברודער דער צדיק רבי יהושע העשיל זי"ע, האט דווקא געוואלט אז די צוויי יונגערע ברודער זאלן אויך האבן א רבנות,

דארט אין שטאט עלקוש איז דאס חסידות גאר שטארק געוואקסן, אידן פון גאנץ פולין זענען געקומען זיך מסתופף זיין ביי דעם צדיק, דאן איז זיין נאמען געווארן מפורסם אין גאנץ פולין און ארימיגע מדינות אלס א איש קדוש מאוד און א גרויסע פועל ישועות,

ליידער זענען זיינע צוויי ברודער'ס הרה"ק רבי אליעזר זי"ע, און הרה"ק רבי שלום זי"ע נסתלק געווארן יונגערהייט, און וויבאלד דער צדיק איז געווען דער איינציגער זון וואס איז געבליבן ממשיך זיין דעם דרך וואס ער האט מקבל געווען פון זיין גרויסן טאטן, פלעגט ער כסדר פארן קיין קיעלץ, דער צדיק פלעגט כסדר פארן אויף שבתים און ימים נוראים וויילען אין שטאט קיעלץ, אפאר מאל איז דער צדיק לויט די בקשה פון די חסידים געווען אויף ראש השנה אין שטאט קיעלץ, אויך איז ער אסאך געפארן קיין קיעלץ, וויבאלד זיין מאמע די צדקת האט דארט געוואוינט, איז ער געפארן מקיים זיין כיבוד אם,

צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, טויזענטער אידן זענען ביי דעם צדיק געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות,

אידן האבן דערציילט, אז דער צדיק האט געהאט א גרויסע עבודה מיטן מכבד זיין מיט זמירות ביים טיש שבת קודש, און ווער עס האט זוכה געווען צו ווערן מכובד מיט א ניגון ביים שולחן הטהור, האט מען געוויסט אז יענער איז א געהאלפענער, אסאך בחורים זענען ניצל געווארן פון דינען אין די מיליטער, ביים ווערן מכובד ביי שלש סעודות מיטן ניגון "דרור יקרא",

זייענדיג גאר שטארק מקושר צום הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, האט דער צדיק רבי יהושע העשיל זי"ע זיין גאנץ לעבן גאר אסאך נאך געזאגט דברי תורה פונעם הייליגען דברי חיים זי"ע, און ווען ער האט מזכיר געווען זיין רבין מצאנז, האט געהערשט א געוואלדיגע שמחה ביים צדיק,

ער האט זיין גאנצע התנהגות געפירט מיט א געהויבענע קדושה וטהרה, ער האט געהאט גרויסע חימרות ביים מקיים זיין די מצות און הלכות, ספעציעל האט דער צדיק מחמיר געווען אויף א גאר שיינעם אתרוג פארן יו"ט סוכות, ווי דער צדיק האט אמאל געזאגט, אז די ר"ת פון "אתרג" איז, א'מונה שלימה, ת'שובה שלימה, ר'פואה שלימה, ג'אולה שלימה, און אויב האט מען א פגם אויפן אתרוג, איז מען נישט יוצא דעם מצוה פון לולב און אתרוג,

ער האט געהאט זיינע הייליגע קינדער,

הגה"ק רבי יוסף ברוך אב"ד חנטשין זי"ע,
הגה"ק רבי נתן דוד אב"ד עלקוש זי"ע, הי"ד,

בתו הצדקת מרת דבורה פעריל ע"ה, אשת הגה"ק רבי יהושע גליקמאן רובין אב"ד סוסנובצא זי"ע, הי"ד,
בתו הצדקת מרת חנה גיטל ע"ה, אשת הגה"ק רבי חיים יחיאל טויב זי"ע, נכד הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע,

אפאר יאר בעפאר די וועלט איז געווער געווארן אז עס קומט ליידער א צווייטע וועלט מלחמה, האט שוין דער צדיק מרמז געווען פאר זיינע חסידים, אז ליידער קומט שרעקליכע צרות אויף אידישע קינדער, וואס וועט ליידער חרוב מאכן רוב מנין ובנין פון כלל ישראל, און דער צדיק האט דאן געהייסן אסאך פון זיינע חסידים זיך אריבער צו ציען קיין ארץ ישראל, און מיט דעם זענען גאר אסאך ברוב רחמיו וחסדיו פונעם גרויסן באשעפער ניצל געווארן,

איינמאל האט זיך דער צדיק אויס געדריקט בזה"ל, "עס וועט קומען א שווערע צייט ביי אידן, און אפילו עס וועט זיין גרויסע צדיקים וגדולים מאוד, וועלן זיי ליידער נישט קענען ממתיק זיין די גזירה",

בחודש אדר בשנת תרצ"ז ווען עס האט זיך שוין געפילט די שנאה פון די דייטשן ימ"ש אויף גאנץ אירופה, דאן איז די מאמע די צדקת מרת שרה ע"ה נפטר געווארן, און ביי די לוי' האט דער צדיק גאר שטארק איינגעריסן ביי די מאמע, אז ווען זי קומט ארויף בעולם העליון, זאל זי איינרייסן פאר כלל ישראל וואס געפינט זיך אין א שרעקליכע צרה, און דער צדיק האט מעורר געווען דעם גאנצן עולם, אז מען זאל מתפלל זיין, אז מען זאל גערעטעוועט ווערן פון די צרה גדולה,

ראש השנה בשנת תרצ"ט ביי שחרית, האט דער עולם געווארט אז די רבי זאל אריין קומען דאווענען מיט זיי, אבער דער צדיק האט זיך אויף געהאלטן, דאס האט זייער געוואונדערט פאר די חסידים, וויבאלד דער צדיק פלעגט מקפיד זיין אריין צו קומען אין צייט, שפעט נאכמיטאג בערך צוויי אזייגער איז דער צדיק אריין געקומען, די מצב איז געווען נורא מאוד מיט א אימה וביראה, טאקע יענעם יאר נאך ראש השנה האט זיך ליידער אנגעהויבן די ביטערע מלחמה, וואס איבער 6 מיליאן אידן זענען ליידער אומגעקומען על קידוש השם,

ווען די דייטשן ימ"ש האבן אויף געשטעלט דעם גטאו אין שטאט עלקוש, האט דער צדיק נאך מיט א מסירת נפש ווייטער געפירט זיין עבודת הקודש, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, און דער צדיק האט אנגעזאגט פאר יעדן איינעם עפעס אנדערש, איינעם האט ער געהייסן אנטלויפען, דעם אנדערן האט ער געהייסן בלייבן באהאלטן אין שטאט, און הונדערטער אידן זענען געראטעוועט געווארן מיט ניסים נפלאים דורך א ברכה און עצה פונעם רבין,

אפאר מאל האט דער צדיק געהאט א געלעגנהייט זיך צו ראטעווען און אנטלויפען קיין ארץ ישראל, אבער דער צדיק וקדוש האט בשום אופן נישט געוואלט איבער לאזן זיינע חסידים ומעריצים אן קיין מנהיג, ער האט די גאנצע צייט אינטער די נעגל פון די רשעים ווייטער געפירט זיין עבודת הקודש, ער האט די אידן מחזק געווען אין די אמונה און כסדר גערעדט צו די אידן, אז א איד מעג קיינמאל נישט אויף געבן ווייל דער גרויסער באשעפער איז מיט אונז, און דער צדיק האט מחזק געווען די אידן, אז מען ברויך זיך גרייטן צו גיין אויף קידוש השם למען יתברך שמו,

דער אייניקעל הרה"צ רבי יוסף ברוך גליקמאן רובין זי"ע האט דערציילט פון עידי ראי', אז בשעת מען האט דעם צדיק וקדוש רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע ארויס געפירט פונעם בונקער קיין אושוויץ, האבן די רשעים די דייטשן ימ"ש געוואלט אראפנעמען דעם בארד און פיאות פונעם צדיק, האט דער צדיק א שריי געגעבן, "אלעס האט עטץ מיר שוין צו גענומען, יעצט ווילט איר מיר אויך צו נעמען מיין קדושה", און דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס און נישט געלאזט צו רירן צו זיין דיקנא קדישא, און דער צדיק איז אומגעברענגט געווארן האבענדיג זיין בארד און פיאות, עפעס וואס ווייניג האבן זוכה געווען יענע צייטן,

אויך האט דער אייניקעל דערציילט, אז אויפן וועג ארויס פונעם בונקער ווען מען האט ליידער געשלעפט דעם צדיק וקדוש וואס איז געווען גאר שוואך, האט זיך איינע פון די פעדעמער פון די צוצית אפ געריסן, האט דער צדיק נישט מסכים געווען צו גיין ווייטער ביז מען פארעכט דאס, און די רשעים די דייטשן האבן בלית ברירה געווארט אז מען זאל אפיר זיכן דעם פאדעם, און אזוי ווי מען האט דאס צוריק באהאפטן, איז דער צדיק ווייטער געגאנגען, און אזוי בקדושה וטהרה איז דער צדיק וקדוש אומגעקומען על קידוש השם הי"ד,

חודש אב בשנת תש"ג האט זיך דער צדיק וקדוש גערייזדט בדחילו ורחימו צו גיין אויף קידוש השם, מען האט די גאנצע צייט ביי די מלחמה נישט געזען ביים צדיק קיין שום פחד און מורא פון די רשעים, כמה פעמים האט זיך דער צדיק געטראפן מיט איינע פון די דייטשן ימ"ש, און עס האט שוין אויס געזען ווי מען גייט דעם צדיק אומברענגען, אבער דער צדיק איז געשטאנען מיט א שטאלץ און נישט געהאט קיין שום מורא,

אבער ליידער ביום ד' אב בשנת תש"ג האבן די דייטשן ימ"ש ארויס געטראגן דעם צדיק זייענדיג א איד פון איבער די 80 יאר, און מען האט דעם צדיק דערשאסן אין פארענט פון זיינע חסידים, און דער צדיק האט צוריק געגעבן זיין נשמה הטהורה אויס געלאטערט בקדושה וטהרה ליוצרה,

נסתלק לגנזי מרומים ד' אב בשנת תש"ג, און ליידער איז נישט דא קיין ציון פון דעם צדיק, אבער ער האט איבער געלאזט הונדערטער חסידים און אויך אפאר אייניקלעך וואס זענען ממשיך זיין דרך,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דערציילט מען, אז בשעת די דייטשן ימ"ש האבן גענומען דעם צדיק וקדוש מחנטשין זי"ע אויפן באן קיין אוישוויץ, האט די אייניקעל הצדקת מרת פריידא מלכה ע"ה די טאכטער פונעם זון הרה"ק רבי נתן דוד זי"ע אנגעכאפט די בעקיטשע פונעם רבין און זיך געבעטן, אז ער זאל איר אויך מיט נעמען, ווייל זי האט נישט געוואלט בלייבן אליין, האט דער צדיק געגעבן א בייטל מיט געלט פארן אייניקעל און געזאגט בזה"ל, "פריידא גיי, וועסט עס נאך איבערלעבן",

לפלא האט די אייניקעל אפילו נישט געקוקט וויפיל געלט דארט איז געלעגן, אבער אפאר יאר שפעטער אינמיטן די מלחמה, האט דער אייניקעל געברויכט ארויס ראטעווען א שוועסטער פון די הענט פון די דייטשן ימ"ש, און דארט האט זי געטראפן א נאצי וואס האט זייער געברויכט געלט, און די אייניקעל האט אהין געגעבן דאס בייטל פון געלט, און דארט איז געלעגן פונקטליך די סכום וואס דער זיידע האט איר אהין געגעבן, און מיט דעם האט זי מיט די שוועסטער זיך געראטעוועט און ניצל געווארן ביי די מלחמה,

ווערט דערציילט, אז בשנת תר"ע ווען דער צדיק וקדוש רבי יהושע העשיל זי"ע איז געווארן רב אין שטאט חנטשין, האט דער צדיק געפירט דעם קהלה קדושה מיט א שטארקע האנט, ער האט נישט משים פנים געווען פאר קיינעם און אפילו די ראשי הקהלה האט ער דארט געקענט מוסר זאגן, דער צדיק האט זיך דארט געפירט אויפן זעלבן וועג וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע הייליגע עלטערן, און מיט א מסירת נפש זיך אוועק געגעבן פאר יעדע הלכה און מנהג ישראל,

האט זיך דארט געמאכט, אז א קבוצה פון מחרחרי ריב האבן אנגעהויבן העצן קעגן דעם רבין און האבן געפירט א מערכה קעגן דעם צדיק, און איינע פון די גרויסע עשירים פון שטאט האט זיך צו געשטעלט צו די זייט פון די בעלי מחלוקה, און ווען דער טאטע רבי חיים שמואל זי"ע האט דאס געהערט, האט ער געלאזט ריפן דעם עושר, און זייער געבעטן אז ער זאל דעם זון אפלאזן און זאל זעהן צו אפשטעלן די מחלוקת,

אבער ליידער ווי חז"ל זאגן דאך "עשיר יענה עזות", האט דער עושר מיט זיין גאווה זיך אפ געזאגט און ווייטער געפירט די מחלוקת קעגן דעם צדיק אין שטאט חנטשין, ליידער איין טאג איז מקיים געווארן דעם פסוק (במדבר ט"ז ה') בֹּקֶר וְיֹדַע ד' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו, און עס האט רח"ל אויס געבראכן א שרעקליכע פייער, און דאס גאנצע פארמעגן פון דעם עושר איז ארויף אין פלאמען און ער איז געבליבן א עני ואביון, פארשטייט זיך אז די מחלוקה האט זיך גלייך אפ געשטעלט, און דער צדיק רבי יהושע העשיל זי"ע האט געקענט ווייטער פירן די קהלה על מי מנוחות,

הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט אמאל דערציילט, אז איינמאל איז ער געווען אין שטאט קראקא ביים יארצייט פונעם הייליגן מאור ושמש זי"ע וואס ליגט אין דעם ביה"ח החדש אין קראקא, בעפאר ער איז געגאנגען צום ציון הקדוש, איז דער רבי משה מרדכי מלעלוב געגאנגען זיך טובל'ן אין די מקו',

האט ער דערציילט, אז די מקו' איז געווען אזוי קאלט, אז ער האט זיך ממש נאר געקענט טובל'ן און גלייך ארויס געלאפן, אויפן וועג ארויס האט ער געזען ווי דער צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע איז אריין געקומען אין די מקו', און ער איז שוין דאן געווען אויף די עלטערע יארן, איז דער רבי משה מרדכי נאך געגאנגען דעם צדיק מחנטשין, כדי צו זעהן ווי אזוי ער גייט זיך טובל'ן אין די קאלטע מקו', לפלא האט ער געזען ווי דער צדיק גייט אריין אינעם מקו' מיט אזא רואיגקייט, עס האט ממש אויס געזען ווי ער גייט אריין אין א פיינע ווארעמע מקו'.

איין יאר אין די טעג פון די ימים נוראים איז דער צדיק וקדוש רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע געלעגן אין בעט מיט גאר הויכע פיבער, ער איז געווען גאר שטארק נישט געזונט, אזוי איז דאס געווען ראש השנה און יום הקדוש, און אפילו סוכות איז דער צדיק כמעט נישט ארויס געקומען, ווייל די דאקטאר האט אן געזאגט אז עס איז זייער מסוכן פארן צדיק ארויס צו גיין,

אבער לפלא ווען עס איז אנגעקומען די הייליגע טאג הושענא רבה, איז דער צדיק ארויס געקומען דאווענען מיטן גאנצן עולם, און כדרכו בקודש איז דאס דאווענען געווען מיט א התלהבות דקדושה און א אש קודש, און ווען דער דאקטאר איז געקומען באזיכען דעם רבין, האט ער געפרעגט ווי די רבי איז, האט מען אים געזאגט אז די רבי דאווענט מיטן עולם,

דער דאקטאר נישט גלייבענדיג וואס ער הערט, איז גלייך אריבער אין שוהל, און ווען ער האט געזען דעם צדיק דאווענען האט ער געזאגט, יעצט זעה איך אז די רבי האט גאר הויכע כוחות און איז א הייליגע מענטש, ווייל א פשוטע מענטש וואלט נישט געקענט אפרעכטן אזא עבודה, האבענדיג אזאנע יסורים נוראים, און איך מיז מודה זיין אז ער האט הימלישע כוחות.

ווי באוויסט איז דער טאטע הרה"ק רבי חיים שמואל זי"ע אויף געוואקסן יונגערהייט ביים צדיק וקדוש דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, איינמאל האט פאסירט, אז דער טאטע רבי חיים שמואל איז זייער נישט געזונט געווארן, און דער גוטער איד מניישטאט איז אים געקומען מבקר חולה זיין, און דער צדיק רבי חיים שמואל האט זיך מזכיר געווען ביים צדיק פאר א רפואה שלימה, האט דער גוטער איד געזאגט בזה"ל, "איך פארשטיי נישט בכלל ווי אזוי דער רבי חיים שמואל איז נישט געזונט, ווען ער האט אזא געהויבען זוהן ווי יהושע העשיל".

ווערט דערציילט, אז דער צדיק קדוש רבי יהושע העשיל זי"ע איז געווען א בור סוד שאינו מאבד טפה, ער איז געווען מפורסם מיט זיין זכרון נפלא, אלס קינד האט דער צדיק כסדר געלערנט נ"ך, אויך בשעת ווען ער איז געווען אין חדר, און דער מלמד האט געלערנט מיט די קינדער, האט דער קינד געהאלטן א נ"ך נעבן זיך, און ווען ער האט געהאט א מינוט האט ער גע'חזר'ט נ"ך, און דער צדיק איז געווען א בקי אין גאנץ נ"ך,

עד כדי כך איז געווען זיין בקיאות אין נ"ך, אז זיין גרויסע טאטע רבי חיים שמואל זי"ע, ווען ער האט געברויכט וויסן א

פסוק אין נ"ך, האט ער געריפן זיין זוהן רבי יהושע העשיל און געפרעגט ווי דער פסוק שטייט, און דער זוהן האט יעדעס מאל געזאגט דעם פסוק מיטן לשון, איינמאל האט פאסירט אז דער זוהן איז ערגעץ געפארן, און דער טאטע האט געברויכט א פסוק, האט זיך דער צדיק זייער מצער געווען, אז ער האט ממש געלאזט טרערן אז זיין זוהן איז נישט דא יעצט,

צו פארשטיין אביסל דאס גדלות בתורה און דאס התנהגות דקדושה פון דעם צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע איז ראטזאם צו דערציילן די מעשה, דער חסיד הרה"ח ר' יחזקאל פראדלער ז"ל וואס איז געווען א בן בית ביים הייליגען צדיק דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, און ער איז געווען אסאך עלטער ווי דעם רבין ר' יהושע העשיל מחנטשין זי"ע, אבער ווען ער איז איינמאל געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, האט א חסיד געזען ווי ער גייט אריין צום רבין מיט א מורא'דיגע יראת הכבוד און גאר שטארק מכבד געווען דעם רבין,

ווען איינער האט אים געפרעגט די סיבה דערצו, האט ער דערציילט, אז איינמאל אין די יונגע יארן ווען ער איז געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פונעם גוטע איד מניישטאט אויף יו"ט שבועות, איז ער אנגעקומען ערב שבועות אין שטאט נייישטאט, און ער איז געווען אויס געמיטשעט פונעם וועג, האט ער געזאגט, "איך וועל גיין געבן א דאווען, און איך וועל מיך אביסל צולייגן, כדי איך זאל קענען זיין אויף שבועות ביי תיקן ליל שבועות",

איז דארט געווען דער הייליגער חאנטשינער רבי ר' יהושע העשיל זי"ע וואס איז נאך געווען א קינד פון 6 יאר אלט, און ווען ער האט געהערט די ווערטער פון דעם חסיד, האט ער געזאגט מיט א וואונדער און תמימות בזה"ל, "יחזקאל, יחזקאל, אזוי רעדט מען און אזוי פירט מען זיך, מען דאווענט שנעל און מען לייגט זיך צו, דעם ריכטיגען וועג איז, קודם לייגט מען זיך צו, און דערנאך דאווענט מען ווי עס ברויך צו זיין".

הרה"ח ר' חיים שמואל וואלהענדליר ז"ל וואס איז געווען פון די נאנטע מענטשן אין שטוב פונעם הייליגען חנטשינער זי"ע האט דערציילט, אז א גערער חסיד פון שטאט עלקוש איז אמאל געקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגע צדיק רבי יהושע העשיל זי"ע, און ער האט זיך אויס גערעדט פארן רבין זיין מצב, און די רבי האט אים אנגעוואונטשן א ברכה,

דארט אין שטאט איז געווען א גרויסע פעקטארי פון קוילען, און דעם אנדערן טאג האט מען געהערט א גרויסע רעש פון דארט, אינמיטן קומט יענער גור'ע חסיד צו לויפען, און ער בעט אז ער ברויך אריין גיין צום רבין, דער זוהן פונעם רבין הרה"ק רבי נתן דוד זי"ע האט געפרעגט דעם איד וואס ער וויל פונעם רבין, האט דער איד דערציילט די מעשה,

מיין טאטע ארבעט אין דעם קוילען פעקטארי שוין פאר יארן, און דער מנהל פין די פעקטארי איז געווען זייער גוט צו מיין טאטן, ווייל ער האט געלאזט מיין טאטן קויפן קוילען פון די פעקארי פאר א גוטע פרייז, און מיין טאטע האט דאס פארקויפט, און פון דעם האט ער געהאט שיין פרנסה, אבער לעצטנס איז דער מנהל געשטארבן, און מען האט אויף גענומען א נייע מנהל, און יענער האט נישט געוואלט מער לאזן מיין טאטן קויפן פון די קוילען, און מיין טאטע האט פארלוירען די פרנסה,

נעכטן בין איך געקומען זיך מזכיר זיין ביים רבין און זייער געוויינט אז מיין טאטע האט פארלוירען זיין פרנסה, און איך האב דערציילט די גאנצע מעשה פארן רבין, האט מיר די רבי געזאגט בזה"ל, "עה, ער וועט האבן א פגירה", לפלא יעצט ממש האט דער נייער מנהל געכאפט א פגירה אזוי ווי די רבי האט געזאגט, און דאס איז די גרויסע רעש וואס איר הערט קומען פונעם קוילען פעקטארי, און דערפאר בין איך געקומען דערציילן די גוטע בשורה פארן רבין,

הרה"ח ר' אליהו בויגן ז"ל וואס האט שוין געהאלטן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה, און דער באשעפער האט אים געבענטשט מיט 5 טעכטער, אבער דער חסיד האט זייער געוואלט האבן א בן זכר וואס זאל קדיש זאגן נאך אים לאחר מאה ועשרים שנה, ער האט זיך כסדר מזכיר געווען ביים צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע,

איין שבת קודש ביים טיש ווען אלע חסידים זענען געשטאנען דארט, האט דער צדיק געטיילט שיריים פארן עולם, און פארן חסיד ר' אליהו האט די רבי אהין געגעבן א ביין פונעם עוף, און דער צדיק האט אים געזאגט בזה"ל, "אליהו נעם דיר א ביין", דער עולם האט שוין גלייך געוויסט אז דער חסיד איז א געהאלפענער, און לפלא צום יאר איז אים געבוירן געווארן א בן זכר,

הרה"ח ר' יעקב שלמה פרדס ע"ה האט דערציילט, אז זיין שווער איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגען צדיק דער חנטשינער זי"ע, איינמאל איז זיין שוויגער קראנק געווארן אויף די לינגען און געווען אין א גרויסע סכנה, די דאקטורים האבן געהאט אויף געגעבן אויפן שוויגער, איז דער איידעם ר' יעקב שלמה שנעל אריבער מזכיר זיין די שוויגער ביים צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע, און די רבי האט אנגעוואונטשן א ברכה, און כך הוה די שוויגער איז געזונט געווארן,

נאך א שטיק צייט, איז די שוויגער געגאנגען זיך אינטער זיכן ביים דאקטאר, און מען האט געזען אז די מחלה איז רח"ל צוריק געקומען און די לינגען זענען פיל מיט אייטער, ווען דער איידעם האט דאס דערציילט פאר איינע פון די חסידי חנטשין, האט יענער חסיד וואס האט געקענט דעם מנהג פון זיין רבין געזאגט, "ס'גייט נישט אזוי, אויב גייט מען צום רבין, טאר מען נישט גיין צום דאקטאר", אבער גיי נאך אלס אריבער מזכיר זיין ביים רבין,

איז דער איידעם ר' יעקב שלמה גלייך אריבער געלאפן צום רבין, און ער האט נאכאמאל מזכיר געווען דעם שוויגער, און דאן איז עס שוין געגאנגען אביסל שווערער, ווייל דער צדיק האט אים געזאגט, "אויב גייט מען נישט צום דאקטאר, דאן איז נישט דא קיין מחלה, און נישט קיין אייטער, אבער אויב גייט מען צום דאקטאר, דאן איז דא די מחלה, און אויך אייטער", אבער דער איידעם האט זיך איינגעבעטן ביים צדיק, האט דער צדיק געפרעגט בזה"ל, "בעטן דעם באשעפער הייסט דען נישט געטון", און לפלא נישט אסאך שפעטער איז די שוויגער געזונט געווארן,

הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט דערציילט די מעשה פלא, איינמאל איז א איניקעל פונעם צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע געקומען זיך מזכיר זיין ביים זיידן, אז ער

ברויך זיך שטעלן צו די מיליטער, און ער האט געבעטן די זיידע פאר א ברכה, אז ער זאל באפרייט ווערן פון די מיליטער, האט אים דער זיידע גוזאגט, אז ער זאל גיין משמש זיין דעם תלמיד רבי משה מרדכי מלעלוב וואס איז דאן נאך געווען יונג,

דער אייניקעל האט אויס געפאלגט וואס דער זיידע האט געהייסן, און ער האט משמש געווען דעם צדיק רבי משה מרדכי מיט וואס ער האט נאר געקענט, דער צדיק רבי משה מרדכי האט נאכדעם דערציילט, אז דאס משמש זיין פון דעם אייניקעל האט אים כסדר געשטערט און באמיטשעט, וויבאלד ער איז נאך דאן געווען גאר יונג, און ער האט באמת נישט געברויכט אז איינער זאל אים משמש זיין, אבער לפלא ווען דער אייניקעל האט זיך געשטעלט צו די מיליטער, איז ער גלייך באפרייט געווארן באופן נפלא,

אמאל ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז דער הייליגער צדיק וקדוש רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע געזעצן ביי זיך אין שטוב, און דארט אין שטוב איז געזעצן דער אייניקעל הרה"צ רבי יוסף ברוך גליקמאן רובין זי"ע, פלוצלונג קומט אריין א דייטש ימ"ש מיט א רעוואלווער און דער צדיק איז געווען אין א סכנה, דער אייניקעל האט נישט געוויסט וואס צו טון, אבער דער צדיק איז געזעצן אין א דביקות און בכלל נישט באמערקט דעם רשע דעם דייטש ימ"ש,

דער אייניקעל זעענדיג אז דער זיידע זעהט דאס נישט, האט ער געגעבן א שטיפ דעם האנט פונעם זיידן ווי צו אויף וועקן דעם צדיק פון זיין דביקות, אזוי ווי דער צדיק האט געזען דעם רשע שטיין דארט, איז דער צדיק צו געגאנגען צו די שאפע און ארויס גענומען א גלעזל און א באטל משקה, און דער זיידע האט אהין געגעבן פארן רשע א גלעזעלע משקה און גיזאגט "טרינק", לפלא האט דער רשע גענומען די משקה און געטרינקען, און גלייך איז דער רשע זיך אוועק געגאנגען,

דער אייניקעל האט דאן געפרעגט פון דעם זיידן, זיידע די האסט נישט מורא געהאט פון דעם רשע, האט דער הייליגער חנטשינער זי"ע געזאגט פארן אייניקעל בזה"ל, "אה יאסקע'לע יאסקע'לע די בטלן, עס שטייט דאך אין פסוק (דברים כ"ח י') וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ד' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ, און די האסט מורא פון א גוי,", און דאס האבן די אייניקלעך דערציילט, אז דער צדיק וקדוש האט די גאנצע צייט ביי די מלחמה נישט געהאט אפילו א מינוט, וואס ער האט בכלל מורא געהאט פון א גוי, ווייל דאס איז געווען זיין קדושה און זיין ריינע אמונה בשם, אז אויב דער באשעפער היט, איז נישט דא קיין מציאות אז א גוי זאל קענען שלעכטס טון פאר א איד,

הרה"ח רבי אברהם יעקב יעגיר ז"ל וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגען חנטשינער זי"ע, איז בשנת תרצ"ד ארויף קיין ארץ ישראל, און ווען ער איז אריין געגאנגען זיך געזעגענען פונעם רבין מחנטשין זי"ע, האט אים די רבי געגעבן 4 קאצקע צוקער, אן דעם וואס דער צדיק זאל אים אפילו זאגן וואס דאס באדייט, עס איז געווען פארן חסיד א גרויסע וואונדער וואס דאס איז,

אבער שפעטער ווען ער איז געווען אויפן שיף אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האט אויס געבראכן א גרויסע שטורעם ווינט, עס איז געווען א גרויסע שרעק אויפן שיף און די שיף איז געווען אין א גרויסע סכנה, אבער דאן האט זיך דער חסיד ר' אברהם יעקב דערמאנט, אין די צוקער וואס ער האט באקומען פונעם רבין אלס א סגולה, און ער האט זיך געמאכט א טיי און ער האט דאס געטרינקען מיט א קליין שטיקל צוקער פון די וואס ער האט באקומען פונעם רבין, ולפלא די שטורם האט זיך גלייך אפ געשטעלט, און זיי זענען אנגעקומען בשלום קיין ארץ ישראל,

יארן שפעטער יעדעס מאל ער אדער די בני בית האבן זיך נישט גוט געשפירט, האבן זיי געגעסן פון די צוקער און אזוי זענען זיי געזונט געווארן, אבער לפלא אויף די עלטערע יארן האט זיך די צוקער פארלוירען, מען האט דאס ארום געזיכט איבעראל אבער מען האט דאס נישט געטראפן, נישט קיין סאך נאכדעם איז די ווייב פון דעם חסיד ר' אברהם יעקב נפטר געווארן, און א קורצע צייט שפעטער איז דער חסיד נפטר געווארן, און ווען די קינדער האבן צוזאמען גענומען די זאכן פון די דירה, האט מען לפלא געטראפן די צוויי איבער געבליבענע צוקער,

איינס פון די צוקער איז אנגעקומען צו איינע פון די אייניקלער פונעם צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע, און דער אייניקעל האט דאס געהאלטן זייער טייער און חשוב, ביי דעם אייניקעל איז געווען א פארפאלק וואס האט זיך זייער געמיטשעט מיט קינדער, זיי האבן שוין געהאלטן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה, און נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און די דאקטוירים האבן ליידער אויף געגעבן אז די צוויי זאלן געהאלפן ווערן מיט א קינד,

דער אייניקעל האט קיינעם נישט דערציילט, נאר אמאל ווען די פארפאלק זענען געווען ביי אים אין שטוב, האט ער אריין געלייט אין די טיי פאר די פארפאלק פון די צוקער פונעם זיידן, ויהי לפלא אז 10 חדשים שפעטער איז ביי די פארפאלק געבוירן געווארן א בן זכר, און דאס איז געווען איבער 70 יאר נאכן הסתלקות פון דעם צדיק וקדוש, און דאס ווייזט וואס א חפץ פון א צדיק קען יארן שפעטער העלפן אז מען זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד חוץ לדרך הטבע,

ווי באוויסט אז ווען דער צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע האט זיך געשטעלט דאווענען און ער האט אנגעהויבן ברכות און הודו, האט מען דעם צדיק נישט געמעגט שטערן, חוץ אויב עס איז געווען גאר וויכטיג, איין טאג איז אנגעקומען צום צדיק א איד איינע פון די חסידים, וואס דער איד איז ליידער שטארק קראנק געווארן, און ער האט ממש נישט געקענט רירן קיין אבר, מען איז גלייך אריין זעהן אויב מען קען צו קומען צום רבין, אבער מען האט שוין געהאלטן אינמיטן דאווענען,

האט מען דעם חולה אריין געטראגן אינעם שוהל, און מען האט צו געווארט ביז די רבי האט געענדיגט שמונה עשרה, נאכן דאווענען האט מען דעם חולה צו געטראגן צום רבין וואס איז געזעצן אנגעטאן מיט די טלית ותפילין, האט דער צדיק געהייסן מען זאל דעם חולה אראפ נעמען פון בעט, צוויי חסידים האבן אראפ גענומען דעם איד אנלייענעדיג אויף זיי,

דאן האט דער צדיק געבעטן אז דער איד זאל אים געבן שלום, אבער דער איד האט נישט געקענט רירן קיין אבר, האט

דער צדיק נאכאמאל געפרעגט פון דעם איד, "די געסט מיר נישט קיין שלום", לפלא האט דער איד דאן אויף געהויבן זיינע הענט און שלום געגעבן פארן רבין, דאן האט די רבי געפרעגט פון דעם איד, "וואס מאסטו, וואס טוט זיך", דער איד האט געוויזן פארן רבין מיט די אויגן, ווי מען זאגט איך קען דאך נישט רעדן, זאגט אים די רבי, "די געדענקסט אז די האסט מיר שלום געגעבן",

דאן האט דער צדיק געזאגט פארן חולה בזה"ל, "א יוד וואס איז געווען א בעל מתחיל אין די הייליגע טעג (ש"ץ ביי פסוקי דזמרה ימים נוראים), זאל נישט רעדן, זאג מה טובו, לאמיר הערן", לפלא האט דער איד אנגעהויבן זאגן מה טובו און אנגעהויבן דאווענען כאחד אדם, דאן האט דער צדיק געהייסן מען זאל אים ברענגען אויל וואס איז איבער געבליבן פון חנוכה, און דער צדיק האט באשמירט דעם איד מיט די אויל, און לפלא איז דער איד נאכדעם אהיים געפארן פון ביים רבין געזונט און שטארק כאחד אדם,

איינע פון די בחורים א חסיד פונעם צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע איז אמאל געפארן קיין עלקוש צום רבין, אבער וויבאלד דער בחור האט דאך נישט געהאט קיין געלט, האט ער זיך אנגעטראגן פארן דרייווער פונעם באן, אז ער וועט אים ארויס העלפן אויפן באן, און בשכר זאת וועט ער נישט ברויכן באצאלן פארן נסיעה, און דער דרייווער האט מסכים געווען, אבער אינמיטן וועג האט פארן דרייווער אנגעכאפט א פחד, און ער האט מורא געהאט, אויב מען וועט געוואר ווערן אז ער האט מיט גענומען איינעם בחינם,

און ער האט געהייסן פארן בחור אראפ גיין פונעם באן נאך בעפאר מען איז אנגעקומען קיין עלקוש, דער בחור איז בלית ברירה אראפ, אבער דארט ווי ער איז אראפ, איז געווען א זייער נישט גוטע פלאץ, ווייל דארט האבן געוואוינט נאר גוים, אבער מיט גרויסע ניסים איז ער אנגעקומען קיין עלקוש, לפלא אזוי ווי ער קומט אריין צום רבין אין שטוב, זאגט אים די רבי בזה"ל, "די גאנצע נאכט בין איך נישט געשלאפן נאר וועגן דיר, איך האב דיך געבראוכט היטן, דערפאר בעט איך דיר, מער פאר נישט אויף אזא וועג",

אין יאר י' אדר די יומא דהילולא פונעם זיידן דער גוטער איד מניישטאט זי"ע, האט דער אייניקעל הרה"ק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע געפירט א שולחן הטהור ביי זיך אין ביהמ"ד אין שטאט קיעליץ, און נאכן סעודה האט מען גענומען א באס מיט וואס די גאנצע קבוצה אידן זאלן פארן צום ציון קדשו פונעם זיידן אין שטאט ניישטאט, דער גאנצער עולם איז ארויף אויפן באס, און מען האט געווארט אז די רבי זאל אויך ארויף קומען,

אבער לפלא אזוי ווי דער צדיק האט נאר ארויף געלייגט א פיס אויף די טרעפ, איז ער גלייך צוריק געפאלן מיט שרעק און געזאגט בזה"ל, "ס'איז דא א אשה, עס איז דא א פרוי אויף די באס", עס איז געווען א גרויסע פלא פארן עולם, וויבאלד אלע וואס זענען געקומען זענען געווען נאר מענער, אבער ווען מען האט דאס געזאגט פארן צדיק, האט ער זיך פארטראכט און געזאגט, "זי זיצט אויבן אן אינעם באס",

דאן האט מען געזען, אז א גויטע די ווייב פונעם גוישע דרייווער, האט זיך פארשטעלט ווי א מאן, ווייל זי האט געוואלט מיט פארן, און זי האט געוויסט, אז די אידן וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין אז א פרוי זאל קומען מיט זיי אויפן באס, און דערפאר האט זי זיך פארשטעלט ווי א מאן, און דאס האט דער צדיק גלייך מרגיש געווען ביים ארויף קומען אויפן באס, און ווען זי איז אראפ פונעם באס האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "ס'זאל מיר זיין פאר כפרת עוונות, איך האב קיין מאל נישט געזען א צורת אשה",

ווי באוויסט איז דער צדיק געווען גאר הייליג און געהאט ממש אפענע אויגן, כמה פעמים האט מען געזען ווי דער צדיק האט מיט זיינע הייליגע אויגן, געזען זאכן וואס קיינער האט נישט געזען, עס איז געווען א ספר וואס דער מחבר איז טאקע געווען א גדול, אבער ביי די חסידי חנטשין האט מען געוויסט, אז דער צדיק קומט נישט אריין אין א שטוב וואס דער ספר איז דארט אינעם שטוב,

איינמאל איז דער צדיק אנגעקומען צו א שטוב פון איינע פון זיינע חסידים, און מען האט דעם ספר טאקע ארויס געטראגן פונעם שטוב, ווייל מען האט געוויסט אז דער צדיק וועט נישט אריין קומען אינעם שטוב, אויב דער ספר איז דארט, אבער לפלא, ווען דער צדיק איז אנגעקומען, האט ער נישט געוואלט אריין גיין אין שטוב, מען האט געזאגט פארן צדיק אז מען האט דעם ספר ארויס געטראגן,

אבער דער צדיק האט געזאגט "ס'איז דא נאך", האט מען דורך געקוקט דעם גאנצע שטוב, און לפלא האט מען געטראפן, אז א בלאט פונעם ספר האט זיך אמאל ארויס געריסן, און מען האט דעם בלאט אריין געלייגט אין א אנדערע ספר אלס גניזה, און דאס האט דער צדיק מרגיש געווען מיט זיינע הייליגע אויגן,

חנוכה בשנת תרצ"ח איז פלוצלונג נסתלק געווארן זיין זון הרה"ק רבי יוסף ברוך מחנטשין זי"ע, און די בני משפחה האבן נישט געוואלט דערציילן פארן רבין, וויבאלד ער איז שוין דאן געווען אויף די עלטערע יארן, אבער פלוצלונג ריפט דער צדיק זיין גבאי נאמן הרה"ק רבי ליפא ז"ל, און זאגט פארן גבאי, ברענג מיר א קליינע בענקל, ווייל איך ברויך מיך זעצן און נוהג זיין אבילות אויף מיין זון יוסף ברוך וואס איז נסתלק געווארן, און דאס איז געווען אן דעם וואס איינער זאל אים דאס מגלה זיין,

**יארצייט**
**מיטוואך ה' אב**

**הרה"ק רבינו המקובל האלקי רבי יצחק ב"ר שלמה זי"ע, (לוריא-אשכנזי), הנקרא האריז"ל, אדער אר"י הקדוש,**

ער איז געבוירן אין ירושלים, בשנת רצ"ד,

צו זיין טאטע הרה"ק רבי שלמה לוריא זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ווי באוויסט איז דער אר"י הקדוש זי"ע געווען פון די ראש המקובלים בדורו, ער האט בימיו מחדש געווען דעם לימוד חכמת הקבלה, און שמות הקדושים, און ער איז געווען געשעצט ביי אלע גדולים און קבלים בדורו, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש נורא מאוד,

גאנץ יונגערהייט האט מען שוין געזען דאס גדלות התורה און דאס גרויס חכמה און קדושה פון דעם קינד, ער איז איבער געשטיגען אלע קינדער פון זיין יוגענט און אפילו עלטערע פון אים, ער האט נישט געקענט צו לאנג לערנען ביי איין רבין, וויבאלד ער האט גאר שנעל תופס געווען תורה אויף א גאר הויכע מדרגה,

די עלטערן פון דעם אר"י הקדוש זענען געווען גאר ערליכע, דער טאטע איז געווען א צדיק און די מאמע א צדקת, געלט האט זיי נישט געפעלט, זיי האבן געהאט כל טוב וטוב, איין זאך וואס זיי האבן נישט געהאט איז געווען קינדער, זיי זענען שוין געווען אויף דער עלטער אבער ליידער נאך נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און די עלטערן זענען געווען גאר שטארק פארביטערט, זיי האבן געטיילט אסאך צדקה, און געטון גאר אסאך חסד, און ביידע האבן שטענדיג מתפלל געווען צום גרויסן באשעפער אז ער זאל זיי בענטשן מיט א קינד,

איין נאכט האט דער טאטע געהאט א חלום, עס האט זיך צו אים באוויזן א גט-ליכע מאן און זאגט אים, איך בין אליהו הנביא, וויסן זאלסטו אז ענקערע תפילת זענען אן געטומען געווארן ביים באשעפער, און א יאר ארום וועט דיין אידענע האבן א בן זכר, וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט זיין קדושה און תורה און זיין חכמה, און ווען עס וועט קומען די ברית, זאלסטו קיינעם נישט לאזן מאכן דעם ברית, ביז די וועסט זעהן מיין געשטאלט וואס די זעסט יעצט,

כך הוה א יאר שפעטער בשנת רצ"ד איז צו זיי געבוירן געווארן א בן זכר, און ווען עס איז געקומען די אכטע טאג, האט די טאטע פארבעטן אלע נכבדים און חשובע לייט פון ירושלים צום ברית, סנדק איז געווען דער טאטע, אבער ער האט געהאלטן און איין אפלייגן דעם ברית, און זיך כסדר ארום געקוקט אויב ער זעהט דעם צורה וואס ער האט געזען אין חלום,

פלוצלונג האט ער געזען דעם צורה וואס ער האט געזען אין חלום, און אליהו הנביא האט געזאגט פארן טאטן, זעץ דיך אויפן שטול מיטן קינד אין די האנט, און דאן האט אליהו הנביא זיך געזעצט אויפן שויס פונעם טאטן, און איבער גענומען דעם קינד, און געהאלטן דעם קינד ביים ברית, קיינער דארט האט נישט געזען אליהו הנביא, און געהאלטן אז דער טאטע האט געהאלטן דעם קינד ביים ברית, און מען האט דעם קינד לויט די אנווייזונגען פון אליהו הנביא ז"ל א נאמען געגעבן יצחק,

נאכן ברית האט אליהו הנביא אן געזאגט פאר דעם פאטער, נעם דאס קינד אין דיינע הענט, דו זאלסט געדענקן אים שטארק צו שעצן, ווייל ער וועט זיין א גרויסער און הייליגער לעכטיקייט פאר די גאנצע וועלט,

ביי די ניין יאר אלט, איז דער אר"י הקדוש שוין געווען א בקי בכל הש"ס ופוסקים, און די גרעסטע גאונים אין ירושלים האבן באוואונדערט דעם טיפן שכל הישר וואס דער קינד האט געהאט, און גאר אסאך גדולים בדורו אין ירושלים האבן פארברענגט מיט דעם קינד אין לערנען כאילו ער איז שוין אן ערוואקסענע מענטש,

ווי באוויסט איז דער טאטע געווען א גרויסער עושר, און פאר דעם קינד האט גארנישט געפעלט, און ער איז געזעצן און געלערנט ממש יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, אבער נאך זייענדיג א קינד בעפאר די בר מצוה, האט דער טאטע פארלוירן זיין רייכטום, און דער טאטע איז געווארן א עני ואביון אז עס איז נישט געווען וואס צו עסן, און פון גרויס צער און עגמת נפש איז דער טאטע פלוצלונג נסתלק געווארן, ווען דער הייליג קינד איז נאר געווען 10 יאר אלט,

דאן איז די מאמע געבליבן א יונגע אלמנה אן קיין פרנסה, אידן אין ירושלים וואס האבן געוויסט דאס גדלות פון דעם קינד האבן געוואלט אויס האלטן דעם אלמנה מיט איר הייליג קינד, אבער די מאמע האט בשום אופן נישט געוואלט נהנה זיין פון צדקה,

נאך א שטיק צייט ווען די מאמע האט געזען אז דאס ארעמקייט שטערט דעם יונגן גאון פון לערנען, האט די מאמע געגעבן א עצה פארן זוהן צו פאר קיין מצרים, וואס דארט געפינט זיך א ברידער פון די מאמע א גביר רבי מרדכי פארנסיס זי"ע, און ער איז מסכים דיך צו אויס האלטן, כדי די זאלסט קענען ווייטער לערנען אים געשטערט,

דער קינד האט מסכים געווען און ער איז אפ געפארן קיין מצרים צום פעטער, און דער רב פון ירושלים האט דעם קינד געגעבן א בריוו בדרך כתב המלצה, אז די אידן אין מצרים זאלן וויסן וואסערע גאון עס קומט צו זיי, און דער רב האט אים געגעבן א ברכה, אז ער זאל שטייגן במעלות התורה ויראת שמים, און אויך האט ער געבענטשט אז ער זאל האבן אריכת ימים, אבער ביי דעם לעצטן ברכה, האט דער קינד זייער געוויינט, ווייל ער האט שוין דאן מרגיש געווען אז דאס וועט נישט מקיים ווערן,

דער פעטער האט דעם קינד אריינגענומען צו זיך אין שטוב מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט, און אים געגעבן א שטוב ווי ער זאל וואוינען, און באלד אריבער געטראגן דעם קינד צום ראש ישיבה דארט אין שטאט הגה"ק רבי בצלאל אשכנזי בעל שיטה מקובצת זי"ע, און אים געגעבן דעם בריוו פון ירושלים,

אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געליינט דעם בריוו, האט ער זיך אויף געשטעלט פארן קינד, און אנגעהויבן רעדן מיט דעם קינד אין לערנען, און דער ראש ישיבה איז ממש נשתומם געווארן פון דעם גאונות און קדושה פון דעם קינד, און געזאגט פארן פעטער, וויסן זאלסטו אז וואס עס שטייט אין דעם בריוו, איז נישט אפילו האלב פון דאס גדלות פון דעם קינד, און די זאלסט וויסן אז דאס קינד איז א גט-ליכע ליכט וואס די וועלט האט א זכי' אז ער איז אראפ געקומען אויף די וועלט, און די האסט א זכי' אז אזא קינד וואוינט ביי דיר אין שטוב,

דער גאון האט עוסק געווען אין תורה מיט א געוואלדיגע התמדה און געוואקסן גאר הויעך סיי אין תורת הנגלה און אויך אין תורת הנסתר, גרויסע גאונים אין שטאט האבן מיט דעם יונגן גאון עוסק געווען אין גאר שווערע סוגיות התורה און זענען ממש ארויס פון התפעלות פון דעם גדלות פון דעם גאון,

שפעטער האט די מאמע זייער געבענקט נאכן קינד, האט דער פעטער געבעטן אז די מאמע זאל אויך קומען קיין מצרים, איז די מאמע אויך געקומען קיין מצרים, און געוואוינט מיט איר געהויבענע זוהן, און געשעפט נחת דקדושה פון איר הייליג קינד,

ביי די פופצען יאר אלט האט די פעטער מציע געווען, אז ער וויל נעמען דעם בחור רבי יצחק אלס א איידעם פאר זיין טאכטער וואס איז געווען א גאר גרעאטן מיידל, און די מאמע מיטן בחור האבן מסכים געווען דערצו, און מען האט געפייערט דעם חתונה מיט השתתפות פון די גאונים און גדולים דארט אין שטאט,

פאר די קומענדיגע פאר יאר נאך די חתונה האט דער יונגער גאון זיך אריינגעלייגט אין תורת הנגלה מיט א געוואלדיגע התמדה און ממש געווען אויסגעטון פון די וועלט, דאן האבן גרויסע מקובלים פון אלע עקן פון די וועלט געשיקט גאר שווערע שאלות בתורת הנסתר צו אים, און צוביסלעך איז זיין נאמען נתפרסם געווארן אלס דער גרעסטער אין חכמת הקבלה און תורת הנסתר, ווען מען פלעגט דערמאנען זיין נאמען איז דאס געווען מיט א יראת הכבוד און מיט גרויס פחד צוליב זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה,

ער איז דאן געוואקסן אין תורת הקבלה העכער אלע גרויסע בעלי מקובלים, און הייליגע מקובלים האבן געזאגט, אז עס איז נישט געווען נישט בעפאר, און נישט נאכדעם, איינער וואס איז געווען אויף דעם דרגה אין קבלה, ער האט דאן געלערנט גאר אסאך מיט אליהו הנביא ז"ל און דאן האט ער זוכה געווען צו רוח הקודש, און עוסק געווען אין מעשה מרכבה, און ער האט זוכה געווען צו לערנען תורה אין דעם היכל התנאים והאמוראים, און אויך איז מקובל אז ער איז געווען אין היכל משיח,

נאך זעקס יאר האט אים אליהו הנביא מגלה געווען מן השמים, אז ער זאל ארויף גיין קיין ארץ ישראל, ווייל אזוי איז נגזר געווארן אונעם היכל הקודש פון רשב"י, ווייל עס איז דא א חלק פון תורת הקבלה, וואס ער קען נישט משיג זיין דא אין מצרים, און נאר אין ארץ ישראל קען ער דאס משיג זיין, און אויך ווייל ער ברויך איבערגעבן די הייליגע תרות הקבלה פאר זיין תלמיד רבי חיים ויטאל זי"ע, וואס מען האט אים מגלה געווען אז רבי חיים ויטאל זי"ע איז אין פריערדיגען גלגול געווען דער רבי פון דעם אר"י הקדוש און דערפאר דארף ער אים מכיר טובה זיין,

בשנת ש"ל איז דער אר"י הקדוש זי"ע אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און זיך באזעצט אין שטאט צפת עיר המקובלים, און דאן האט ער אנגעהויבן מגלה זיין דעם הייליגען תורת הקבלה פאר די תלמידים און גדולים בעיר צפת, וואס בזכותו פון אר"י הקדוש זי"ע אני חיים, און ער האט ארויפ געברענגט דעם לימוד הקבלה צו א דרגה וואס איז ביז דאן נישט געווען אויף די וועלט,

ער איז געווען א תלמיד פון הגה"ק רבי דוד בן זמרא בעל הרדב"ז זי"ע,

ער האט געהאט תלמידים גאונים צדיקים וקדושים בעלי מקובלים ובתוכם,

הגה"ק רבי חיים ויטאל זי"ע,
הגה"ק רבי אליהו די וידאש זי"ע,
הגה"ק רבי יונתן סאגיס זי"ע,
הגה"ק רבי יוסף טובול זי"ע,
הגה"ק רבי יצחק הכהן אשכנזי זי"ע,
הגה"ק רבי משה אלשיך הקדוש זי"ע,
הגה"ק רבי שלמה אלקבץ זי"ע,
הגה"ק רבי שמואל די אוזידא זי"ע,

עס איז מקובל אז דער אר"י הקדוש איז געווען א תלמיד מובהק בתורת הקבלה פון הגה"ק רבי משה קורדובירו הרמ"ק זי"ע, וואס מען דערציילט אז בשנת ש"ל ווען זיין רבי דער רמ"ק איז נסתלק געווארן, און די תלמידים האבן געפרעגט ווער עס זאל זיין דער ממלא מקום, האט דער הייליגער רמ"ק געזאגט, אז בשעת זיין לוי' ווער עס וועט זעהן א עמוד האש אויפן מיטה דער זאל זיין דער ממלא מקום, און כך הוה דער איינציגסטער וואס האט דאס געזען, איז געווען זיין תלמיד דער אר"י הקדוש, און ער איז טאקע געווארן דער ממלא מקום,

אויך איז ער דארט געווען גאר נאנט מיט הגה"ק מרן הבית יוסף זי"ע, און זיי האבן אסאך קבלה געלערנט צוזאמען, אויך מיט הגה"ק רבי שלמה אלקבץ בעל לכה דודי זי"ע, און אויך מיטן גרויסן גאון און מקובל הגה"ק רבי משה מטראני בעל המבי"ט זי"ע,

ווי באוויסט איז הגה"ק המקובל האלוקי רבי חיים ויטאל זי"ע געווען דעם תלמיד מובהק פון זיין רבין דער אר"י הקדוש זי"ע, און רבי חיים האט אפ געשריבן רוב כתבי האר"י און אויך גאר אסאך פון די תורת הקבלה פון זיין הייליגען רבין, אויך איז באקאנט גאר אסאך גרויסע ענינים וואס דער רבי מיטן תלמיד האבן זיך אפגעגעבן אין די קורצע צייט פון נאר צוויי יאר ביזן פטירה פון דעם אר"י הקדוש זי"ע, ובתוכם איז באקאנט אז דער אר"י הקדוש איז ארום געגאנגען מיטן תלמיד און מגלה געווען מקום קברי תנאים ואמוראים און נביאים, וואס אסאך פון די קברים זענען פארלוירען געווארן מיט די צייט, און מיטן כח פון רוח הקודש האט דער אר"י הקדוש מגלה געווען די הייליגע קברים,

אויך שרייבט דער תלמיד הגה"ק רבי חיים ויטאל זי"ע אין זיין ספר עץ חיים, אז דער אר"י הקדוש זי"ע איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו ע"ה, אונעם ספר הכוונות שטייט אז ער האט

געהאט א ניצוץ פונעם תנא אלקי רבי עקיבא ע"ה, אונעם ספר ויקהל משה שטייט אז ער האט געהאט א ניצוץ פון די נשמה פון בצלאל בן אורי בן חור ע"ה,

און ווי עס איז מקובל אז אונעם חבריא קדושה אין שטאט צפת איז געווען דער אר"י הקדוש זי"ע, "הרבי", הבית יוסף זי"ע, "הרב", האלשיך הקדוש זי"ע, "הדרשן", רבי אלעזר אזכרי זי"ע, "השמש",

נאכן פטירה פון דעם אר"י הקדוש זי"ע איז ארויס געקומען אסאך סידורים מיטן ניסוח האר"י, און אויך אסאך ספרים אויפן דרך פון דעם אר"י הקדוש אויף חכמת הקבלה און זוהר הקדוש, אויך איז דא דריי שירים וואס זענען מקובל אז דאס האט דער אר"י הקדוש מחבר געווען, "אזמר בשבחין ליל שבת קודש, אסדר לסעודתא שבת צופרי, בני היכלא שלש סעודות,"

דער הייליגער חיד"א זי"ע שרייבט מורא'דיגע ווערטער אויפן בעל מקובל און צדיק דער אר"י הקדוש זי"ע בזה"ל, "פשיטא לי דרבנו האר"י הקדוש זי"ע היה נטהר באפר פרה על ידי אליהו זכור לטוב, ואז נחה עליו רוח הקודש להפליא, והגם כי לא ראיתי כתוב רמז מזה ולא שמעתי, לבי אומר לי שהרב זי"ע היה מעלים הדבר העלם נמרץ לרוב ענוותנותו",

הרה"ק בעל תפארת שלמה מרדומסק זי"ע האט דערציילט, אז אמאל איז געווען אינעם מנין פונעם אר"י הקדוש זי"ע איינע פון די צדיקי הדור, און מען האט געדאווענט שמונה עשרה, און ווען דער אר"י הקדוש האט שוין געהאט אויס געטערטן האט נאך יענער צדיק הדור געהאלטן אינמיטן דאווענען, האט מען געווארט אז יענער זאל קודם אויס טרעטן כדי מען זאל קענען דאווענען הויכע שמונה עשרה, אבער לפלא האט דער אר"י הקדוש זי"ע געפרעגט פונעם בעל תפילה, פארוואס ווארט איר אויף דעם צדיק, ער טראכט דאך יעצט בשעת דאווענען פון זיין אייזל און דעם זאטל אויף וואס מען זיצט,

עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די תלמידים אז זייער רבי דער אר"י הקדוש זאל אזא זאך זאגן אויף א צדיק הדור, האט דאס דער אר"י הקדוש זי"ע מסביר געווען, אז אלע מחשבות און הרהורים וואס קומען אריין אין די מחשבה פון א איד בשעת ער לערנט תורה אדער ער דאווענט, איז פון די פגמים און חטאים וואס א מענטש טוט אפילו בשוגג,

שפעטער האבן די תלמידים געפרעגט דעם צדיק הדור איבער זיינע מחשבות אינמיטן דאווענען, האט יענער צדיק הדור טאקע דערציילט, אז היינט איז ער ארויס געפארן צו א דבר מצוה מיט זיין אייזל, און פון גרויס יאגעניש איז ער נכשל געווארן בשוגג צו פארן אויפן זאטל וואס איז געווען אויף דעם א חשש שעטנז, און דאס איז טאקע אריין געקומען יעצט אינמיטן דאווענען אין מיין מחשבה, דאן האבן די תלמידים געזעהן, אז זייער רבי דער אר"י הקדוש זי"ע האט מיט זיין רוח הקודש טאקע מרגיש געווען יענעם'ס מחשבה.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הגה"ק המקובל רבי משה לוריא זי"ע
בתו הצדקת מרת עכסה ע"ה, אשת הגה"ק רבי שלמה סאגיס זי"ע,
בתו הצדקת וואס האט חתונה געהאט מיטן זוהן פון הגה"ק רבי יוסף קארו הבית יוסף זי"ע,

הרה"ק רבי מאטיל מסלונים זי"ע האט געזאגט בשם זיין גרויסן טאטן הרה"ק רבי יהודה לייב קסטלניץ זי"ע, אז די אלע גרויסע מדריגות צו וואס דער אר"י הקדוש זי"ע האט זוכה געווען צו באקומען, איז געווען צוליב זיין געוואלדיגע שמחה של מצוה וואס ער האט זיין גאנץ לעבן פארמאגט,

אויך האט דער צדיק רבי מאטיל מסלונים זי"ע דערציילט, אז דער אר"י הקדוש זי"ע האט געהאט גאר הייליגע אויגן און רוח הקדוש אמיתי, און ווען אידן זענען אריין געקומען צו אים, האט דער אר"י הקדוש זי"ע געזעהן אלע מעשים פון דעם איד נאר ביי קוקן אויפן שטערן, און דערפאר זענען אלע אריין געקומען מיט די הוט אויף די שטערן פון גרויס פחד פינעם אר"י הקדוש זי"ע, און אפילו 40 יאר נאכן הסתלקות פונעם אר"י הקדוש זי"ע, זענען נאך אידן אין צפת ארום מיטן הוט אויף די שטערן פון גרויס פחד פונעם אר"י הקדוש זי"ע.

עס איז מקובל אז דער אר"י הקדוש זי"ע האט געהייסן די תלמידים לערנען יעדן טאג אונעם ספר חובת הלבבות צו מעורר זיין דעם הארץ צו תשובה און תיקון המעשים, אויך האט דער אר"י הקדוש געזאגט אז יעדער איד זאל זעהן צו מקיים זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך יעדן טאג בעפארן דאווענען, און געזאגט מען זאל זאגן בזה"ל, "הריני מקבל עלי מצוות עשה של ואהבת לרעך כמוך",

גאר אסאך מנהיגם וואס אידן טוען יעדן טאג איז מקובל לפי שיטות האריז"ל,

דאס וואס מען זאגט שמע ישראל יעדן טאג בעפאר מען דאווענט כדי מען זאל נישט ח"ו פארפאסן דעם זמן קר"ש, האט דער אריז"ל געזאגט, אז אפילו מען דאווענט ותיקון און מען גייט זיכער נישט פארפאסען דעם זמן קר"ש, זאל מען אויך זאגן דעם פסוק פון שמע ישראל,
הודו ביי שחרית בעפאר ברוך שאמר,
נעמען די ציצית אין די האנט ביי ברוך שאמר,
אין ספר שלחן הטהור שרייבט בזה"ל, "דמי שעובר על דברי האריה"ק הללו לטבול במקוה בצפרא דשבתא בלי אונס הרי הוא עבריין, דכל מה שכתב האריה"ק שמע לא ע"י נביא ולא ע"י שרף אלא ע"י הקב"ה בכבודו ובעצמו",

אין ספר משפט צדק שטייט בשם רבינו האריז"ל זי"ע, א סגולה לבנים הגונים, זאל מען נזהר זיין און מזהר זיין אנדערע מיט תוספות שבת קודש ערב שבת און מוצאי שבת קודש,

הרה"ק המקובל רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט געזאגט בזה"ל, "כי בעקבות משיחא הוא סגולה ללמוד בכתבי האריז"ל לבטל גזירות רעות, ולהמשיך שפע ואור על כל העולמות והשפעות בני חיי ומזוני",

בעפאר די הסתלקות האט דער אר"י הקדוש זי"ע באפוילען ווי מען זאל אים טובל'ן נאכן פטירה, און דאס איז געווען אונעם באוויסטן מקו' האר"י אין ביה"ח אין צפת, און דער תלמיד רבי חיים ויטאל דערציילט, אז ווען מען האט דעם רבין אריין געלייגט אין מקו', האט זיך דער גוף קדוש אליין גע'טובל'ט, און אידן

דערציילן גאר גרויסע ישועות וואס אידן פוילען מיטן זיך טובל'ן אין דעם מקו',

עס איז מקובל אז דער זוהן פונעם אר"י הקדוש רבי משה איז נסתלק געווארן 6 חדשים בעפאר די הסתלקות פונעם טאטן, און די צדיקים האבן געזאגט אז דאס איז געווען, ווייל די טאטע דער אר"י הקדוש האט מגלה געווען די סודות התורה פאר די וועלט,

ביום ה' מנחם אב בשנת של"ב, האט דער אר"י הקדוש צוזאמען גערופען די תלמידים, און זיי מגלה געווען סודות התורה און געזאגט, אז ער גייט היינט נסתלק ווערן פון די וועלט, און זיי געבענטשט, אויך האט ער געזאגט אז ווער עס איז נישט געווען אין מקו' זאל זיך נישט מטפל זיין מיט זיין גוף נאכן פטירה, דאן האט די רבי געזאגט שמע ישראל, און געזאגט די ווערטער "שמרני מידי גאווה", ויצאה נשמתו בטהרה,

נסתלק לגנזי מרומים ה' מנחם אב בשנת של"ב, זייענדיג נאר 38 יאר אלט, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח הישן אין שטאט צפת, נעבן אים ליגט אויך זיין זוהן רבי משה זי"ע, דער הייליגער רמ"ק זי"ע, רבי שלמה אלקבץ זי"ע, רבי אלעזר אזכרי זי"ע, אויך ליגט אונעם זעלבן ביה"ח דער הייליגער בית יוסף זי"ע, און אויך דער הייליגער אלשיך הקדוש זי"ע, און נאך אסאך אנדערע גדולים און בעלי מקובלים פון יענעם דור,

זכותו הגדול יגן עלינו<br>ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט געזאגט, אז ווען משה רבינו ע"ה איז ארויף אין הימל נעמען די תורה הקדושה פון השי"ת, ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים ס"ח י"ט) עָלִיתָ לַמָּרוֹם שָׁבִיתָ שֶּׁבִי, האט משה רבינו ע"ה דאן אויס געבעטען ביים באשעפער, אז ער זאל אראפברענגען אויף די וועלט די הייליגע נשמות, וואס זענען מרומז אין די אותיות פון שב"י,

ש'למה ב'ן י'צחק, רש"י הקדוש זי"ע,<br>ש'מעון ב'ר י'וחאי,<br>י'צחק ב'ן ש'למה, האריה"ק זי"ע,<br>י'שראל ב'על ש'ם, הבעש"ט הקדוש זי"ע.

דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע שרייבט, אז די תלמידים האבן געפרעגט פונעם אריה"ק זי"ע, לויט ווי אונז פארשטייען איז די קדושה פון די תנאים און אמוראים געווען גאר גרויס, און וואס איז דען ווערט אונזער תורה און תפלה קעגן די תורה און תפלה פון זיי,

האט דער אריה"ק געזאגט צו זיינע תלמידים, אדרבה, טאקע וועגן דעם, וואס אונז זענען אזוי פארזונקען בעובי החומר און מיר זענען אין אזא נידעריגע מדרגה, און מיט דעם אלעם זענען מיר זיך מחזק צו טון דעם רצון אבינו שבשמים לויט אונזערע השגות, איז דאס באליבט ביים באשעפער, אסאך מער ווי די עבודה וואס די תנאים און אמוראים האבן געטון מיט זייער געוואלדיגע קדושה, ווייל זיי זענען דאך געווען אויף אסאך א העכערע מדרגה,

עס איז באוויסט די מעשה, אז דער גאון הגה"ק רבי אלעזר אזכרי בעל ספר חרדים זי"ע דער מחבר פון ידיד נפש, איז בראשית ימיו געווען גאר באהאלטן און קיינער האט נישט געוויסט זיין גדלות און קדושה, ער האט געדינט אלס דער שמש אין ביהמ"ד אין צפת, און יעדער האט אים געקענט אלס א פשוטע ערליכע איד,

איין יאר ל"ג בעומר איז דער הייליגער חרדים געווען אין מירון ביים ציון פון רשב"י זי"ע, און דאן איז אויך דארט געווען דער אר"י הקדוש זי"ע מיט זיינע תלמידים, און דער אר"י הקדוש מיט די תלמידים האבן געטאנצט לכבוד התנא אלקי רשב"י, און אויך רבי אלעזר דער שמש האט געטאנצט,

אינמיטן איז אנגעקומען א אלטער איד מיט א הייליגע געשטאלט און אנגעטון מיט ווייסע קליידער, און מען האט געזען אויף דעם איד אז ער איז זיכער איינע פון די פריערדיגע צדיקים, אינמיטן טאנצען האט דער אר"י הקדוש גענומען דעם אלטן איד ביי די האנט און אנגעהויבן טאנצן, און נאך אפאר מינוט האט דער אר"י הקדוש אויך אריין גענומען רבי אלעזר אזכרי און געטאנצן צוזאמען מיט אים און דער אלטן איד,

די תלמידים זענען געשטאנען און די זייט, און געווען זייער פארוואונדערט צו זעהן, אז דער אר"י הקדוש טאנצט מיטן משמש וואס יעדער האט געוויסט אז ער איז דאך א פשוטע איד, און ווען זיי האבן גענדיגט טאנצען און דער אלטער איד איז אוועק געגאנגען, זענען די תלמידים צו געגאנגען צום רבין דער אר"י הקדוש, און געפרעגט די פשט פארן טאנצן מיטן משמש, און אויך ווער דער אלטער איד איז געווען,

האט דער אר"י הקדוש געזאגט, דער אלטער איד איז געווען רבי שמעון בר יוחאי וואס איז געקומען זיך מיט פרייען מיט די שמחה ביי זיין ציון אין מירון, און אויב עס פאסט פאר רבי שמעון בר יוחאי צו טאנצן מיט רבי אלעזר, דאן פאסט עס פאר מיר אויך, און פון דאן איז דער הייליגער צדיק און מקובל רבי אלעזר אזכרי נתפרסם געווארן אלס א צדיק גדול וקדוש,

אמאל איז דער אר"י הקדוש געזעסן מיט זיינע תלמידים אין פעלד, ווי דער נביא הושע בן בארי איז נטמן געווארן, און די רבי האט מגלה געווען פאר די תלמידים סתרי תורה,

פלוצלונג רופט זיך אן די רבי דער אר"י הקדוש צו די תלמידים, גייט שוין און נעמט צוזאם צדקה און שיקט דאס פאר דעם ארימאן וועלכער וואוינט דא אין שטאט צפת ר' יעקב אלטראץ, ווייל ער זיצט אין וויינט, און זיינע טרערן שפאלטן הימלען, און עס האט מעורר געווען א קטרוג אין הימל, פארוואס מען האט אויף אים נישט קיין רחמנות,

און יעצט איז ארויס א כרוז פון הימל, אז א מחנה היישעריקן זאלן זיך אראפלאזן אויף די גאנצע סביבה פון צפת, און אויפעסן די גאנצע תבואה, דעריבער לויפט שנעל און טוט מיט אים צדקה, און אפשר וועט מען נאך קענען מבטל זיין די גזירה, פארשטייט

זיך אז די תלמידים האבן גלייך צוזאמען געשטעלט א סכום געלט, און דער תלמיד רבי יצחק הכהן איז שנעל געלאפן צום שטוב פון ר' יעקב אלטראץ, כדי צו געבן פאר אים דאס געלט,

ווען ער איז אנגעקומען צום שטוב פון רבי יעקב, האט ער אים געטראפן וויינען, ווען ער האט געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער דערציילט אז עס האט זיך אים יעצט צובראכן דעם פאס וואסער, און ער האט נישט קיין געלט צו קויפן א נייע צוליב זיין גרויסע עניות און דחקות, האט אים רבי יצחק געגעבן די געלט און די אויגן פון רבי יעקב האט אויפגעלאכטן פון פרייד, און ער האט געבענטשט דעם רבי יצחק מיט אלע ברכות,

ווען רבי יצחק איז צוריק געקומען צום רבין דער אר"י הקדוש, האט ער געזאגט פאר די תלמידים, אז ב"ה די גזירה איז בטל געווארן, אבער פלוצלונג האבן די תלמידים געזען ווי עס קומען צופליען א גרויסע מחנה מיט היישעריקן, און זיי האבן זיך זייער דערשראקן, האט דער אר"י הקדוש געזאגט, איר דארפט נישט מורא האבן, די גזירה איז בטל געווארן, דאן האבן די תלמידים געזען ווי די ווינט בלאזט אוועק אלע היישעריקן צום ים, און קיין איינס איז נישט דארט געבליבן,

אין ספר קב הישר (פרק צ"ג) ווערט געברענגט די מעשה, אז אין די צייטן פונעם אר"י הקדוש זי"ע, האט געוואוינט אין די שטאט צפת, א גרויסער צדיק, רבי אברהם הלוי, יעדע נאכט נאך חצות, פלעגט ער ארומגיין די גאסן פון אידישן געגענט אין צפת, און געשריגן מיט א וויינעדיג קול, ברידער ברידער, אידישע קינדער, איר ווייסט אז די שכינה איז אין גלות און אונזער הייליגע בית המקדש איז פארברענט, לאמיר אויפשטיין און שרייען צו הקב"ה וואס איז א מלך רחום וחנון, אפשר וועט ער יעצט צו הערן צו אונזער תפילות, און רחמנות האבן אויף די איבער געבליבענע אידן,

אזוי האט ער געשריגן ביז אלע אידן זענען אויף געשטאנען און געגאנגען אין בית המדרש און געזאגט תיקון חצות, דערנאך האט זיך יעדער געזעצט לערנען, עטליכע האבן געלערנט קבלה און זוהר, עטליכע האבן געלערנט תורה נביאים וכתובים, דערנאך האבן זיי געזאגט פזמונים און תפלות ובקשות, ביז ס'איז געווארן טאג,

דער אר"י הקדוש האט געזאגט אויף אים, אז ער איז א גלגול פון ירמי' הנביא, וועגן דעם וויינט ער אזוי שטארק אויפן חורבן בית המקדש, און האט טאקע מעורר געווען רחמים אין הימל.

איינמאל האט דער אריה"ק אים געזאגט, זאלסט וויסן אז דיינע טעג וואס עס איז דיר אן געשריבן צום לעבן, ענדיגן זיך שוין, אבער ס'איז פארהאנען פאר דיר אן עצה, וואס אויב דו וועסט דאס טאן וועסטו לעבן נאך צוויי און צוואנציג יאר, זאלסט גיין קיין ירושלים און זאלסט מתפלל זיין ביים מקום המקדש, זאלסט בעטן תפילות ובקשות ביז דו וועסט זוכה זיין צו זעהן די שכינה הקדושה,

איז ער אהיים געגאנגען, און זיך איינגעשפארט אין שטוב דריי טעג, און זיך אנגעטאן א זאק, און ארויף געלייגט אש אויפן קאפ, און געפאסט דריי טעג, דערנאך איז ער געגאנגען קיין ירושלים און אנקומענדיג צום מקום המקדש האט ער מתפלל געווען און געבעטן און געוויינט צו השי"ת,

פלוצלונג האט ער געזען א צורה פון א פרוי איינגעהילט אין שווארצע קליידער, (די שכינה הקדושה ווערט געוויזן אין געשטאלט פון א פרוי, און ווען די שכינה איז אין גלות איז זי איינגעהילט אין שווארצע קליידער אלץ צייכן פון טרויער), זעענדיג דאס שרעקליכע בילד איז ער געפאלן אויף זיין פנים, און אנגעהויבן צו וויינען און שרייען, ווי איז צו מיר אז איך זעה דיך אין אזא געשטאלט, און האט א לאנגע צייט געוויינט און געשריגן רייסענדיג די האר פון קאפ, ביז ער האט גע'חלש'ט,

דאן האט ער געזען אין חלום ווי א הייליגער גייסט באווייזט זיך צו אים מיט שיינע הערליכע קליידער, און זאגט אים, טרייסט זיך מיין זון אברהם, דיין האפענונג וועט ערפילט ווערן און די אידן וועלן זיך צוריק קערן קיין ארץ ישראל, איך וועל רחמנות האבן אויף זיי און זיי צוריק קערן אהיים,

ער האט זיך אויפגעוועקט, און איז תיכף צוריק קיין צפת צום הייליגן אר"י, ווי נאר ער איז אריין געקומען אין שטוב פון אר"י הקדוש, האט אים דער אר"י הקדוש געזאגט, איך זעה אויף דיר אז דו האסט זוכה געווען צו זעהן די שכינה הקדושה, דעריבער וועסטו לעבן נאך צוויי און צוואנציג יאר, און אזוי איז טאקע געווען.

דער קב הישר שרייבט דארט, איך האב בקבלה אז ווער עס איז זיך שטענדיג מצער אין הארץ אויף גלות השכינה, איז זוכה צו די קרוין פון די תורה, און פון דעם פריערדערמאנטע מעשה, זאל זיך יעדער אראפלערנען אויפצושטיין אינמיטן די נאכט איידער ס'ווערט ליכטיג, צו טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש.

אמאל איז געקומען צום אר"י הקדוש זי"ע, א איש קדוש פון די תלמידים פונעם הייליגן רמ"ק זי"ע, און דער אר"י הקדוש האט דעם איש קדוש זייער שיין אויף גענומען, אבער בשעת די סעודה האט ער געזען אז דער איש קדוש עסט נישט, און ער האט שרעקליכע יסורים ל"ע, האט אים דער אריה"ק געפרעגט וואס גייט פאר, האט דער איד געזאגט, אז שוין א שטיק צייט וואס ער האט גרויסע יסורים ביים אקסל,

האט דער אריה"ק געזאגט פאר דעם איד, אוודאי ביסטו מפסיק צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, האט דער איד מודה געווען אז אזוי איז עס, ווייל ער פירט זיך צו לערנען א פרק משניות צווישן מים אחרונים און ברכת המזון, ווייל די גמרא זאגט דאך "שלשה שאכלו על שלחן אחד ולא אמרו עליו דברי תורה, כאלו אכלו מזבחי מתים", אבער די גמרא זאגט ווייטער, "שלשה שאכלו על שולחן אחד ואמרו עליו דברי תורה, כאלו אכלו משולחנו של מקום ברוך הוא", און דערפאר לערנט ער יעדן טאג א פרק משניות,

האט אים דער אריה"ק געזאגט, טאקע וועגן דעם טוט דיר ווי די אקסל, ווייל די גמרא זאגט דאך אין מסכת ברכות, "תכף לנטילת ידים ברכה" און די אותיות "תכ"ף" איז די זעלבע ווי "כת"ף" וואס מיינט אקסל, און ווייל די בוסט נישט מקיים דעם תכ"ף לנטילת ידים ברכה, איז געקומען דער ווייטאג ביים אקסל וואס ווערט גערופן כת"ף,

דער אריה"ק האט געזאגט אז פון יעצט זאל ער אייביג בענטשן גלייך נאכן וואשן מים אחרונים, און די פרק משניות זאל ער לערנען נאך בעפאר ער וואשט זיך מים אחרונים, דער איד האט אויסגעפאלגט וואס דער אריה"ק האט געהייסן און פארשטענדליך ער איז אויסגעהיילט געווארן,

הגה"ק רבי שלום משאץ זי"ע האט דערציילט די מעשה וואס איז איינמאל געשען ביים אריה"ק זי"ע,

איינמאל האבן די תלמידים פונעם אריה"ק אנגעגרייט א גרויסע סעודה, און מען האט געקויפט אפאר גרויסע פיש פארן סעודה, און מען האט דאס אפ געקאכט אונעם קיך, אזוי ווי עס איז דאן געווען זייער הייס זענען אלע פענסטער אין קיך געווען אפען, אינמיטן איז א גרויסע שווארצע הינט אריין געטאנצן פון די פענסטער גלייך אונעם פיש טאפ, און די הינט איז גלייך געשטארבן, פארשטייט זיך אז מען האט די פיש שוין נישט געקענט ניצן ווייל דער הינט איז געשטארבן אונעם טאפ,

די תלמידים האבן גלייך פארשטאנען אז דא איז פאר געקומען עפעס העכערס ווי זיי זעהן, זענען זיי געגאנגען צום רבין דער אריה"ק און געבעטן אז ער זאל זיי מגלה זיין וואס דא איז געשען,

האט די רבי געזאגט, אז דא אין שטאט איז דא א כומר א מכשף און א שונא ישראל, און ער האט געזיכט א עצה ווי אזוי שלעכטס צו טון פאר אידישע קינדער, איז ער אויפגעקומען מיט א עצה, ער האט משחד געווען דעם פיש פארקויפער, אז ער זאל אריינלייגן סם אין די פיש וואס ער פארקויפט פאר די אידן, און אזוי וועט ער ח"ו הרג'ענען אידן,

ער איז געווארן א גרויסע רעש אויבן אין הימל, און א נשמה האט געזאגט אז ער איז גרייט זיך מוסר נפש זיין כדי צו ראטעווען די אידן די תלמידי האריז"ל, און דער נשמה איז געקומען פארשטעלט ווי א הינט, און ער איז אריינגעטאנצן דורך די פענסטער, וואס דאס איז אפילו פאר א נשמה גרויסע יסורים רח"ל, און מיט דעם האט ער ענק געראטעוועט פון עסן די פיש, און אויך די נשמה האט דורך דעם געהאט א תיקון און איז אנגעקומען צו איר מקום מנוחה,

הגה"ק רבי יוסף יוזל הורוויץ הסבא מנובהרדוק זי"ע פלעגט כסדר לערנען מוסר מיט זיינע תלמידים און זיי מעורר געווען צו תשובה האמיתית, און געזאגט אז דאס העלפט א איד צו אנקומען צו אמת'ע עבודת השם, און דער סבא מנובהרדוק זי"ע פלעגט דערציילן פאר די תלמידים די מעשה פונעם צדיק ומקובל דער הייליגער אריז"ל,

אמאל איז אנגעקומען אין ביהמ"ד פונעם אריז"ל א איד וואס איז ליידער געווען שטארק פארקראכן פינעם אידישן וועג, דער איד איז אריין געקומען אין ביהמ"ד און געוואלט טרייבן ליצנות פונעם הייליגן אר"י זי"ע, אבער אזוי ווי ער האט אריין געטרעטן אין ביהמ"ד, האט דער אר"י הקדוש זי"ע אנגעהויבן אויס רעכענען די מעשים הרעים און אלע עבירות וואס דער איד האט ליידער עובר געווען, דער איד איז דערציטערט געווארן זעהנדיג די רוח הקדוש פונעם אר"י הקדוש, און דער איד האט אנגעהויבן שרעקליך וויינען און געבעטן אז דער אר"י הקדוש זאל אים געבן א דרך תשובה,

האט דער אר"י הקדוש זי"ע געזאגט פאר דעם איד, אז כדי ער זאל קענען תשובה טון אויף זיינע שלעכטע מעשים און אויף די ליצנות וואס ער האט ליידער געמאכט אויפן חשבון פון צדיקי הדור, וועט מען אים אראפ לייגן אויף דער ערד, און מען וועט אריין גיסן גאר הייסע בליי אין זיין מויל, און דורך דעם וואס ער וועט אן נעמען די שטראף באהבה וועט ער האבן א כפרה,

דער איד האט גלייך מסכים געווען צו דעם שטראף נאר כדי ער זאל קענען תשובה טון אויף זיינע עבירות, מען האט דעם איד אראפ געלייגט און פארבינדן זיינע אויגן, דאן האט דער אר"י הקדוש זי"ע גענומען א לעפל האניג, און אנשטאט אריין גיסן די בליי האט ער אריין געגאסן די האניג, אבער וויבאלד דער איד איז באמת געווען גרייט צו שטארבן על קידוש השם, איז דאס שוין געווען גערעכנט פאר א כפרה, ווייל דער עיקר פאר א איד צו קענען תשובה טון איז, זיין גרייט מיט א אמת צו דינען דעם גרויסן באשעפער.

איינמאל האט דער אריה"ק זי"ע געזאגט פאר זיין תלמיד רבי חיים ויטאל זי"ע, אז ער זעהט בשמי מעל אז א צדיק וואס איז שוין בעולם העליון אסאך יארן, וואס עס איז געקומען זיין צייט ארויף צו גיין צו א העכערע היכל אין גן עדן, אבער ווי עס ווערט געברענגט, אז צדיקים בעפאר מען טראגט זיי ארויף צו א העכערע מקום, איז מען זיי דן אויף זייער לעבן אויב זיי זענען ריין פון עוונות, און אפילו דקדוקי מצות קלות וואס זיי האבן נישט מקיים געווען, דארפן זיי קודם נזדכך ווערן, און נאר נאכדעם קען די נשמה גיין העכער,

האט דער אריה"ק געזאגט אז דער צדיק האט געהאט צוויי סיבות וואס האט אים צוריק געהאלטן,

איינס איז געווען, אז איינמאל ווען ער האט געזאגט די ווערטער "יהי רצון מלפניך שלא נגע לריק ולא נלד לבהלה, נאך ובא לציון, האט ער דאן מסיח דעת געווען פון די תפילין, און דער אריה"ק האט צו געלייגט, אויב דער צדיק האט באקומען א עונש פאר דעם, וואס וועט זיין מיט אונז,

די צווייטע איז געווען, אז איין שבת קודש איז דער צדיק ארויס אויף די גאס אין רשות הרבים, און עס איז אריין אין די שיך אביסל זאמד, און ער איז מיט דעם געגאנגען ד' אמות ברשות הרבים, און דאס איז געווען אן א כוונה דאס צו טון,

האט דער אריה"ק געזאגט פאר די תלמידים, אויב א צדיק וואס האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן מיט א גרויס קדושה און מקיים געווען יעדע מצוה אין די תורה, מיט דעם אלעם איז אזא קליינע פגם געווען פאר אים א שטער, וואס וועלן מיר זאגן נאך די 120 יאר,

**יארצייט**
**דאנערשטאג ו' אב**

**הגה"ק רבי נתן מאז ב"ר שלמה זי"ע, (אופנבאך), בעל בנין שלמה, ראב"ד ומו"ץ בפרנקפורט-דמיין,**

ער איז געבוירן אין שטאט פראנקפורט-דמיין, בשנת ת"פ,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי שלמה זי"ע,

ער איז געווען א גאון אדיר און א גדול וקדוש בתורה, ער איז געווען א בקי בש"ס ופוסקים, די גרעסטע גדולים און גאונים בדורו האבן אלע מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין חריפות ובקיאות בכל מקצועות התורה, ער האט געדינט פאר אסאך יארן אלס דער ראש בית דין אין שטאט פרנקפורט דמיין און זיינס א פסק הלכה איז געווען אנגענומען ביי אלע גדולי התורה בימיו, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה,

ביים טאטן אין שטוב איז געווען א גאון און א גדול וואס פלעגט אסאך זיין ביי זיי אינדערהיים, און די טאטע האט דעם גדול געוענומען אלס מלמד פארן זוהן רבי נתן, און שוין פון אלס יונג קינד האט מען געזען זיין גדלות בתורה, ער האט שוין דאן גע'שמ'ט אלס בקי נפלא אין א גרויסע חלק פון ש"ס ופוסקים,

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרבנית הצדקת מרת יוטלה ע"ה,
בת הקצין המפורסם רבי מיכל שפייאר מפרנקפורט זי"ע,

און נאך די חתונה איז ער געזעצן ביים שווער פאר 20 יאר על התורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, יומם ולילה איז דער גאון געזעצן אין געלערנט, און דארט איז דער גאון באוויסט געווארן אלס א גאון וגדול בתורה און א גרויסע בקי אין רוב מקצוואות הש"ס,

בשנת תק"י האט מען אים אויף גענומען אלס דיין אין שטאט פרנקפורט, וואס דער רב דארט אין שטאט איז דאן געווען הגה"ק רבי אברהם אביש מליסא אב"ד פרנקפורט זי"ע, און נאך א שטיק צייט האט מען אים אויף גענומען אלס ראש בי"ד אין שטאט,

אויך האט ער גאר אסאך משמש געווען גדולים און צדיקים בדורו, ובתוכם הגה"ק רבי יעקב פופרש בעל שב יעקב זי"ע, און הגה"ק רבי יעקב יהושע פלק בעל פני יהושע זי"ע, ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען פני יהושע זי"ע, עס איז געווען א גאר שטארקע אהבה צווישן דעם תלמיד רבי נתן און זיין רבי דער הייליגער פני יהושע, זיין רבי האט דעם תלמיד גערעכנט ווי אן אייגען קינד,

אויך איז באקאנט אז בשנת תק"י ווען עס איז פאר געקומען די גרויסע מחלוקה אין פרנקפורט, און די שטאט איז געווארן צעטיילט, האט דער תלמיד אינטער געשריבן לטובת זיין רבין צוזאמען מיט נאך אסאך גדולים, און גאר שטארק לוחם געווען קעגן די מתנגדים פונעם הייליגען פני יהושע,

אויך קען מען זעהן דאס גרויסע אהבה פונעם תלמיד צו זיין רבין אונעם ספר בנין שלמה על מסכת גיטין וקידושין, ווי דער תלמיד רבי נתן ברענגט אראפ גאר אסאך ענינים פון זיין רבי דער הייליגער פני יהושע, און אויך איז באקאנט אז רבי נתן האט גאר אסאך חולק געווען אויף זאכן אנדערשט ווי זיין רבי, אבער דאך זעהט מען דאס התבטלות וואס ער האט געהאט צו זיין רבין דער פני יהושע און אים אנגערופן מורי ורבי,

בשנת תקכ"ט ווען דער רב רבי אברהם אביש איז נסתלק געווארן, אין די תקנה אין שטאט פרנקפורט איז געווען, אז איינער וואס איז געבוירן אין שטאט קען נישט זיין קיין רב אין שטאט, האט מען מיט דעם אלעם אויף גענומען רבי נתן אלס צייטווייליגע רב אין שטאט, און בשנת תקל"ב האט מען אויף גענומען דעם גרויסן גאון הגה"ק רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל הפלא"ה זי"ע אלס רב אין פרנקפורט, אבער רבי נתן איז דאן אויך געבליבן דארט אין שטאט אלס ראב"ד צוזאמען מיטן הפלא"ה זי"ע,

ער האט דארט אין שטאט פרנקפורט גאר אסאך אויף געטון סיי אין תורה האט דער גאון מרביץ תורה געווען פאר הונדעטער תלמידים, אבער אויך האט ער גאר אסאך לוחם געווען און זיך ארויסגעשטעלט מיט א שטארקייט אויף יעדע דבר הלכה וואס איז אינטער געקומען, אויך איז ער ארויס געקומען בתוקף עוז און זיך אנגענומען אויפן כבוד פון זיין רבין דער הייליגער פני יהושע ווען עס איז געווען די גרויסע מחלוקה,

אויך איז ער צו געשטאנען צו די האנט פארן רב רבי אברהם אביש ווען עס איז פאר געקומען די פרשה פון די "גט מקליוואו", און ער איז ארויס געקומען מיט א לאנגע בריוו צו אויפווייזען אז די גט איז פסול, און דאן איז ער ארויס קעגן דעם פסק פון דעם הייליגען נודה ביהודה זי"ע,

ווערט דאן געברענגט אז נאך די גאנצע מחלוקה פון די גט מקליוואו האט דער הייליגער נודה ביהודה זי"ע באקומען דעם ספר בנין שלמה פון רבי נתן, שרייבט ער בזה"ל, "כשהגיע לידו מנחה שלוחה אליו ספרו בנין שלמה ר' נתן דיינא ונחית לעומקא דדינא מה חסר ידיעה קנה חכמה וקנה בינה הוא ניהו הרב הגאון הגדול מופלא שבעדה נ"י ע"ה פ"ה כקש"ת מה"ו נתן נ"י ר"מ דק"ק פפד"מ זה איזה ימים קבלתי מכתב ידו ע"י הנעלה הקצין הר"ר דוד נ"ש מקהילתנו עם מנחה שלוחה ספרו הנחמד בנין שלמה והדברים ראויים למי שאמרם והנני מחזיק לו מלא חפני טיבותא שעלה זכרוני לפניו",

אויך האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע זיך פאריפן אלס א תלמיד פון רבי נתן, אפילו ער האט קיינמאל נישט געלערנט ביי אים אין ישיבה, האט ער געהאלטן דעם גאון רבי נתן פאר א גאון און גדול בתורה און אסאך זיך געשריבן בדברי תורה מיט דעם גאון,

זיין נאמען איז דאן ארויס אונעם גאנצן געגענט, אלס א גאון און גדול בתורה, און גרויסע שטעט האבן דעם גאון געוואלט אויף נעמען אלס רב ביי זיי אין שטאט, אויך דער גרויסע קהלה אין

שטאט דארמשטאט האט אן געטראגן די רבנות שטעלע ביי זיי אין שטאט, אבער וויבאלד די שטאט פרנקפורט האבן נישט געוואלט אז דער גאון זאל אוועק גיין, האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס ריש מתיבתא דארט אין שטאט, און אויף דעם פאסטן איז ער געבליבן ביז צו זיין פטירה,

מען קען זעהן די אהבה און די קשר וואס דער גאון האט געהאט צום שטאט, אין די נוסח וואס די קהלה קדושה אין פרנקפורט האט געשריבן אונעם פנקס הקהלה,

שהונצחה בפנקס הקהלה: הנה גלוי לכל באי שער עירנו מעלתו כבוד רוממות תורתו של הרב המאור הגדול הראש ב"ד בקהילתנו, ה"ה כמוה"ר ר' נתן מז נר"ו, אשר הגדיל לעשות מעודו שלא מש מתוך האהל של תורה, וגדולתו עליו יורה, שיצא שמו וטבעו בעולם שהוא גדול בכולא, ושם טוב עולה על גביו שהוא שונא בצע, וזה כמה שנים שהוא מורה הוראה דקהלתנו,

והנה שמוע שמענו שעלה על דעת קהלות אחרות לקבל אותו לאב בית דין, וחששנו שיהיה דעתו נוטה לקבל רבנות במקום אחר, כאשר שאם אף אמנם שאינו להוט אחרי ממון, מכל מקום היה החשש בדבר מפני שאפשר שמכלי קרנא ח"ו בקהלתנו, ויחוש לביטול תורה שיכול לבוא על ידי כך, ועל כן נעשה איסוף ה"ה הו"ה פרנסים ומנהיגים בצירוף הו"ה הגובים, ובצירוף עוד שארי קריאי עדה על פי הגורל וכו' שנים עשר אנשים,

ובהיות האיסוף יחד, התחכמו בדבר לכבוד ה' ותורתו, ונמנו וגמרו וקבלו הראש ב"ד מוה"ר נתן נר"ו הנ"ל להיות ריש מתיבתא דקהלתנו מהיום ואילך עד עולם... ומחמת שכר בטילה יותן לו הספקה מקופת הקהל יצ"ו מדי שנה בשנה שני מאות רייכס טאלר,

דער גאון רבי נתן האט זיך גאר אסאך געשריבן מכתבים מיט די גדולים וגאונים בדורו ובתוכם,

הגה"ק רבי יחזקאל לאנדא בעל הנודע ביהודה זי"ע,
הגה"ק רבי רפאל הכהן בעל ושב הכהן אב"ד אה"ו זי"ע,
הגה"ק רבי צבי הירש אב"ד ברלין זי"ע,
הגה"ק רבי דוד טעבלי הכהן שיף אב"ד לאנדאן זי"ע,
הגה"ק רבי שלמה זלמן עמריך ראב"ד פראג זי"ע,

בשנת תקט"ו איז די רעבעצין הצדקת מרת יוטלה ע"ה נפטר געווארן, און מען קען זעהן אויפן נוסח המצבה דאס צדקת און קדושה וואס די רעבעצין האט געהאט, ווי עס שטייט אויפן מציבה בזה"ל, "תמיד שפתיה מרחשת בתפילה לעוטה אורה, בשלושה מצוותיה היתה נזהרת, לא נהנית מעולם הזה אף כחוט השערה",

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת די טאכטער פון הר"ר מיכל פלערשהיים זי"ע,

זיינע דברי תורה און חידושים זענען געדריקט געווארן אין זיין ספר בנין שלמה, וואס גרויסע גאונים און גדולים האבן דעם ספר מוראדיג מחבב געווען,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הגה"ק רבי מרדכי זי"ע,
הגה"ק רבי שלמה זי"ע,
הילד ליב ע"ה,
הילד אנשיל ע"ה,
בתו מרת עלכה ע"ה, אשת הגה"ק רבי אייזיק קולפא זי"ע,
הגה"ק רבי מאיר זי"ע,
בתו מרת חוולה ע"ה, אשת רבי אברהם סג"ל בראונשווייג זי"ע,

אונעם פנקס הקהילה ווערט געברענגט, אז ער האט אנגעזאגט בעפאר זיין פטירה אז מען זאל אים נישט מספיד זיין מיט קיין שבחים און אים נישט רופן גאון, און געזאגט בזה"ל, "רק שתמיד היה חפצו בתורת ד', שם לילות כימים, והיה מייגע עצמו ליישב קושית התוספות על רש"י ז"ל, או שארי קושיות שנתקשו בסוגיות, הן על תוספות ושארי פוסקים גם על ארבע טורים, ועשה אזנים לתורה בפלפול של אמת וסברה ישרה וברורה",

אויך שטייט דארט אז אפילו זייענדיג קראנק די לעצטע שטיק צייט בעפאר זיין פטירה האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א מסירת נפש און מקיים געווען דעם אדם כי ימות באהלה של תורה,

דעם טאג פון די לוי' האט מען געהייסן אלע געשעפטן זיין פארמאכט לכבודו פון דעם גרויסן גאון, און אלע אידן פון דעם שטאט און אויך פון די ארימיגע שטעט זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פאר דעם גאון וואס האט מיט א מסירת נפש גאר אסאך זיך אוועק געגעבן פארן כלל,

נסתלק לגנזי מרומים ו' מנחם אב בשנת תקנ"ד, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט פרנקפורט דמיין,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**פרייטאג ז' אב**

**הגה"ק רבי משה ב"ר עמרם זי"ע, (גרינוואלד),**
**בעל ערוגת הבושם, אב"ד חוסט,**

ער איז געבוירן אין שטאט טשארנא, י"א שבט בשנת תרי"ג,

צו זיין טאטע הגה"ק רבי עמרם זי"ע, א אדם גדול בתורה, תלמיד ומשמש פונעם הייליגען כתב סופר זי"ע,
בן הגה"ק רבי יוסף מטשעטשאוויץ זי"ע,
א שוואגער מיט דער גאון הגה"ק רבי עמרם רוזנבוים זי"ע, הנקרא בפי כל "עמרם חסידא", וואס ליגט אונעם ביה"ח הישן אין צפת, נעבן דעם הייליגען אלשיך הקדוש זי"ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת אסתר ע"ה,

דער ערוגת הבושם זי"ע איז געווען דער עלטערער ברודער און דער רבי פון הגה"ק רבי אליעזר דוד גרינוואלד בעל קרן לדוד מסאטמאר זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, און א בקי וחריף נפלא בתורה, ער איז געווען א רבן של ישראל, און א גאון וקדוש מפורסם, הונדערטער תלמידים האבן געלערנט ביי אים אין ישיבה, ובתוכם זענען ארויס געקומען גרויסע גדולים און גאונים בדור, און ווי מען קען זעהן אונעם מכתב וואס דער טאטע הגה"ק רבי עמרם זי"ע האט געשריבן פאר זיין ידיד נפש הגה"ק רבי זוסמאן סופר זי"ע בשנת תרי"ח, ווען דער זוהן משה איז נאך געווען בערך 6 יאר אלט, און די טאטע האט געזאגט, אז אפילו ער איז טאקע אזוי פאריאגט אויף פרנסה, אבער ער טרייסט זיך מיט זיינע קינדער בזה"ל, "כי הילדים אשר חנן ד' אותי המה זרע ברך ד', בפרט בני בכורי משה שיחי' הוא מרגניתא דלית לה טימא, ד' ישמרהו ויחייהו ויזכני לראותו מרביץ תורה בישראל", ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

דערציילט מען, אז דער זיידע הגה"ק רבי יוסף זי"ע האט מקפיד געווען צו בענטשן ברכת המזון אויף א כוס יעדן טאג, אפילו ווען ער האט געגעסן ביחידות, איין טאג האט דער זיידע נישט געהאט קיין וויין צו בענטשן, און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן קיין וויין, איז ער געגאנגען צום וויין סוחר, און געבעטן אז ער זאל אים געבן אויף בארג וויין, אבער דער וויין סוחר האט נישט געהאט קיין חשק דאס צו טון,

האט די זיידע געזאגט פארן וויין סוחר, אויב וועט איר מיר געבן א פלאש וויין, וועל איך אייך בענטשן מיט גרויס הצלחה, אז דער גוטער נאמען פון אייער וויין וועט נתפרסם ווערן אין די גאנצע סביבה, און איר וועט דארפן פאר גרעסערן אייער געשעפט, דער וויין סוחר הערענדיג די ברכה, האט ער באלד אהין געגעבן א פלאש וויין,

עטליכע טעג שפעטער, האט דער פריץ פון שטאט געברויכט וויין, איז ער געקומען צום איד אין געשעפט, און ער האט געבעטן אז ער וויל פארזיכן אביסל וויין, נאכן פארזוכן האט זיך דער פריץ אויסגעדריקט, אז אזא גוטער וויין האט ער נאך קיינמאל נישט טועם געווען, און ער האט דאן געבעטן אז ער וויל אפקויפן דאס גאנצע וויין וואס ער פארמאגט ביי זיך, און עס איז באקאנט געווארן אונעם שטאט, אז דער איד האט דאס בעסטע וויין אונעם גאנצן געגענט, און דער איד האט געמיזט פארגרעסערן דעם געשעפט, און ער האט גאר שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן,

דערציילט מען אז דער טאטע רבי עמרם איז געווען א מתמיד עצום און א געוואלדיגע עובד השם, ער האט זיך נישט געלייגט אין בעט משבת לשבת, ער האט געלערנט בחברותא מיט הגה"ק רבי אליעזר זוסמן סופר בעל ילקוט אליעזר זי"ע, און אויך מיט הגה"ק רבי שמעון סופר מקראקא זי"ע, אויך האט דער טאטע געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק בעל מהר"ם א"ש מאונגוואר זי"ע,

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען אויפן קינד משה אז דא וואקסט א גדול בישראל, ער האט שוין דאן אלס קינד געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, אויך האט ער געהאט די זכי' צו לערנען ביים הייליגער זיידע הגה"ק רבי יוסף גרינוואלד זי"ע וואס איז געווען באוויסט אלס א גרויסע גאון בתורה און א גרויסע עובד ד' און א קדוש וטהור,

און ווי מען דערציילט, אז איינמאל אלס קינד איז דער יונגער משה געגאנגען מיטן זיידן רבי יוסף זי"ע, און אויפן וועג האט דער זיידע באגעגענט דעם גאון הגה"ק רבי שמעלקא קליין בעל צרור החיים מסעליש זי"ע, און דער רבי שמעלקא האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם קינד דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע, בזה"ל, "אויף דעם קינד משה איז מקיים געווארן דעם מאמר הכתוב, לבעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו",

ליידער איז דער טאטע הגה"ק רבי עמרם זי"ע נסתלק געווארן כ"ח ניסן בשנת תר"ל נאכנישט זייענדיג קיין פערציג יאר אלט, און ער האט איבער געלאזט די מאמע אן אלמנה מיט ניין קינדער, און די טאטע האט בעפאר זיין הסתלקות געבעטן דעם בכור דעם הייליגער ערוגת הבושם זי"ע, אז ער זאל זעהן צו מחנך זיין די קינדער און ארויס העלפן די מאמע מיט די שטוב און פרנסה, און דער ערוגת הבושם זי"ע איז דאן געווען בערך 17 יאר אלט,

ביי די 11 יאר אלט איז ער שוין געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ אב"ד צעהלים זי"ע, פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע, און דארט איז ער באוויסט געווארן אלס א גאון און עולוי מפורסם, און גרויסע גאונים האבן שוין דאן באוואונדערט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה נאך זייענדיג גאר יונג,

דערציילט מען, אז זייענדיג גאר יונג איז דער אייניקל אמאל געפארן אויף א פלאץ מיטן זיידן רבי יוסף, און דארט איז אויך געווען דער גאון וגדול הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלעמבערג זי"ע, און די צוויי גאונים האבן זיך מפלפל געווען אין דברי תורה, אינימטן האט דער קליינער אייניקל דער ערוגת הבושם אנגעוויזן אויף א תוספות, און דער הייליגער שואל ומשיב איז ממש ארויס פון התפעלות, און מכיר געווען דעם גדלות און חריפות און בקיאות פון דעם ערוגת הבושם,

האט ער געבעטן דעם זיידן אז ער זאל שיקן דעם אייניקל לערנען ביי אים אין ישיבה, און זיין חבירא פרטיות מיט די געקליבענע תלמידים וואס ער דער שואל ומשיב לערנט מיט זיי, האט דער זיידע געזאגט אז ער ברויך פרעגן די עלטערן אויב זיי

זענען מסכים, און די עלטערן האבן נישט געוואלט מסכים זיין, וויבאלד דער זוהן איז נאך געווען דאן זייער יונג, דער הייליגער ערוגת הבושם האט זיך שפעטער אויסגעדריקט, "ווער ווייסט אויב איך וואלט דארט געלערנט ביים הייליגען שואל ומשיב, וואלט איך ווען געהאט נאך א דרך הלימוד".

ביי די 13 יאר ווען ער איז בר מצוה געווארן האט ער געזאגט א דרשה מיט א אייגענעם חידוש און א גאר טיפע פלפול, אינעם ביהמ"ד אין שטאט צעהלים, און גרויסע גאונים דארט אין ביהמ"ד זענען ארויס פון התפעלות פון דעם חריפות פון דעם יונגען גדול,

דאן איז ער געגאנגען לערנען פאר בערך צוויי יאר ביים זיידן הגה"ק רבי יוסף גרינוואלד מטשעטשאוויץ זי"ע, און דארט האט ער געהאט א גאר שטארק התקרבות צום זיידן, און גאר אסאך תורה האט ער דארט קונה געווען, און אפילו נאך זייענדיג אינטער די 15 יאר אלט, האבן שוין גדולים געשטוינט פון זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

ביי די 15 יאר בשנת תרכ"ח איז דער גאון געגאנגען לערנען אין די ישיבה אין שטאט פרשבורג ביים גאון הגה"ק רבי אברהם שמואל בנימין סופר בעל כתב סופר זי"ע, ווערט דערציילט, אז זיין רבי דער כתב סופר האט גאר שטארק מחבב געווען דעם תלמיד, און גאר אסאך געלערנט ביחידות מיט דעם תלמיד, אויך ווערט דערציילט, אז איינמאל בשעת א טיפע שיעור וואס דער הייליגער כתב סופר האט פאר געלערנט, און דער תלמיד דער ערוגת הבושם האט זיך מפלפל געווען מיטן רבין, האט זיך דער הייליגער כתב סופר אויפגעשטעלט, און צו געגאנגען צום תלמיד משה און א קיש געגעבן אויפן שטערן מרוב חביבות,

דארט אין פרשבורג האט ער געלערנט מיט הגה"ק רבי יוסף חיים זאננענפעלד ראב"ד ירושלים זי"ע, און שפעטער האט דער ראב"ד רבי יוסף חיים געזאגט אויף זיין ידיד נאמן רבי משה, אז מען האט דארט אין ישיבה און אפילו שפעטער ממש געזען יעדן טאג, ווי דער תלמיד רבי משה איז געשטיגען אין מדרגות בעבודת ד' און אויך אין קדושה,

ווען רבי יוסף חיים זי"ע איז ארויף קיין ארץ ישראל, און דארט געוואוינט פאר 25 יאר, און ווי באקאנט האט ער מקפיד געווען נישט ארויס צו גיין פון ארץ ישראל פאר קיין שום זאך, האט ער געזאגט בזה"ל, "אולם בשביל לחזות באפי שכינתא, זיו פניו הקדושים של רעי הערוגת הבושם, רצוני לצאת לחוץ לארץ, לראות את פניו המאירים בשינוי צורה בהתעלותו בעבודת השם",

דערציילט מען אז לערנענדיג ביים הייליגען כתב סופר זי"ע, האט זיך דער הייליגער ערוגת הבושם אויך אריינגעלייגט און תורת הנסתר, און מיט זיין גרויס חכמה און חריפות, איז ער גאר שנעל געוואקסן אין חכמת הקבלה, און געווען באקאנט אלס א בקי בנגלה ובנסתר,

ווערט דערציילט אז אין יענע צייטן האבן ליידער בחורים אנגעהויבן לערנען חכמת חיצוניות, און ווען דער הייליגער כתב סופר זי"ע איז פון דעם געוואויר געווארן, האט ער געשטעלט ספעציעלע שליחים וואס זאלן נאכקוקן די בחורים, און אים לאזן וויסן ווער עס זענען די בחורים וואס זענען ליידער פורץ גדר מיטן ליינען די דברים חיצוניות,

איינע פון די משגיחים איז געווען הגה"ק רבי יהודה גרינוואלד בעל זכרון יהודה אב"ד סאטמאר זי"ע, און ווען די שליחים זענען איין נאכט אנגעקומען צום אכסניא פונעם הייליגער ערוגת הבושם זי"ע, האבן זיי אים געטראפן ווי ער זיצט און איז מעיין בעיון גדול אין עפעס א ספר, דער גאון רבי יהודה גרינוואלד זי"ע האט דאן געמיינט, אז דער גאון רבי משה ליינט ח"ו איינע פון די ספרי חיצוניות,

אבער ווען דער גאון רבי יהודה איז צו געגאנגען אונטער אים, איז ער ממש נבהל ונשתומם געווארן, ווייל זיי האבן אים געטראפן מעיין זיין אונעם ספר הזוהר הקדוש, ווען טרערן פליסן פון זיינע אויגן, און דער הייליגער ערוגת הבושם האט אפילו נישט מרגיש געווען אז זיי זענען דארט,

רבי יהודה גרינוואלד איז זייער נתרגש געווארן פון די גרויסע יראה שמים און קדושה פון דעם בחור משה, און זיך געוואנדן צו זיין רבין דער הייליגער כתב סופר זי"ע, אז ער וואלט זייער געוואלט לערנען בחברותא מיט דעם בחור משה, ווען דער כתב סופר האט געפרעגט פארוואס ער וויל אזוי שטארק לערנען מיט דעם בחור, האט ער דערציילט דעם מראה פארן רבין דער כתב סופר, און דער הייליגער גאון דער כתב סופר איז ממש נתרגש געווארן דערפון, און פון דאן נאך מער ארויס געוויזן דאס ליבשאפט צום גרויסן תלמיד דער הייליגער ערוגת הבושם,

בשנת תרכ"ט ביי די מערכה פון די טיילונג אין אונגארן, ווען מען איז אראפ געגאנגען צו די קאנגרעס פויעלן, אז די ערליכע קהלות זאלן זיך קענען צוטיילען פון די נאלאגען, און אויף מאכן א ערליכע קהלה החרדות, האט דער הייליגער כתב סופר מיט גענומען דעם חשובן תלמיד דער ערוגת הבושם אים משמש זיין דארט,

איין טאג זייענדיג דארט האט דער רבי געבעטן פונעם תלמיד משה, אז ער זאל קומען מיט אים שפאצירן און שעפן פרישע ליפט, דער תלמיד האט גלייך געפאלגט דעם רבין און ארויס אויף א שפאציר, נאך א שטיק צייט שפאצירן האט דער תלמיד פארשטאנען, אז ער האט שוין יוצא געווען דעם חוב פון מקיים זיין שימש רבו, איז ער צוריק צו זיין אכסניא,

אבער דורכן פענסטער האט ער באמערקט ווי זיין רבי דער כתב סופר וויינט בדמעות שליש, און ווען דער רבי האט באמערקט אז דער תלמיד האט אים געזען וויינען, האט די רבי גערופען דעם תלמיד משה און אים געזאגט, יעצט וואס דו האסט מיך שוין געזען וויינען, וועל איך דיר זאגן פשט אויף די טרערן, מיין טייערע תלמיד, כלל ישראל דארף רחמים מרובים, קום לאמיר זאגן תהילים אינאיינעם,

האט דער הייליגער ערוגת הבושם דערציילט, אז ער מיט זיין רבין האבן דאן שופח שיח געווען מיט גרויס התעוררות במשך זעקס שעה רציפות, און דאן פארגאסן הייסע טרערן און געזאגט תהילים מיט בכיות נוראות, און יארן שפעטער האט נאך דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע געזאגט, הלוואי זאל איך זוכה זיין נאכאמאל אין מיין לעבן צו פילן אזא התעוררות הנפש און תענוג הרוחני, וואס איך האב געפילט דעמאלט ווען איך האב געזאגט תהילים אינאיינעם מיט מורי ורבי בעל כתב סופר זי"ע,

בשנת תר"ל איז דער הייליגער טאטע רבי עמרם ליידער נסתלק געווארן יונגערהייט, און איבער געלאזט די מאמע אן אלמנה מיט א שטוב מיט קינדער, און וויבאלד ער איז דאך געווען דער בכור, און אפילו ער איז דאן נאר געווען 17 יאר אלט, איז ער ארויס עוסק זיין במשא ומתן מיט א געוואלדיגע ערליכקייט, און

דורך דעם האט ער אויס געהאלטן די מאמע מיט די קינדער, וואס בתוכם איז געווען זיין ברידער דער הייליגער קרן לדוד מסאטמאר זי"ע,

אבער מיט די אלע שווערקייטן וואס זענען ארויפגעפאלן אויף אים, איז דער גאון ווייטער געלעגן אין תורה, און געלערנט תורה מיט א מסירת נפש יומם ולילה, די אידן פון שטאט האבן מעיד געווען, אז בשעת יענע שווערע צייטן וואס ער האט געברויכט זיין פארנומען מיט מסחר, האט מען אויף אים בכלל נישט געקענט דערקענען א ירידה בתורה, נאר אדרבה ער איז דאן געוואקסן אין תורה מיט א געוואלדיגע התעלות,

אויך ווערט דערציילט אז אין זיינע געשעפטן ביכער האט מען געטראפן צו געשריבן חידושי תורה וואס איז אים איינגעפאלן בשעת'ן עוסק זיין במסחר, און ער האט דאס אפ געשריבן כדי ער זאל די חידושי תורה נישט פארגעסן,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת זיסל ע"ה, בת הגה"ק רבי אברהם געשטעטנער זי"ע,

אביסל שפעטער נאך די חתונה, האט ער וואוינענדיג אין שטאט טשארנא אויף געשטעלט א ישיבה, און געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, ער האט געפירט א ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים מיט א מסירת נפש ממש, און עס ווערט דערציילט, אז איינמאל איז אין שטאט געווען הגה"ק רבי חיים סופר בעל מחנה חיים זי"ע, און געזאגט פארן ערוגת הבושם, איך הער איר האט א ישיבה און איר זענט מרביץ תורה,

האט דער הייליגער ערוגת הבושם מיט זיין גרויס עניוות געזאגט, איך האב א קליינעם ישיבה מיט 40 בחורים, האט דער הייליגער מחנה חיים געזאגט, חז"ל זאגן דאך, "אלף נכנסים לבית התלמוד ואחד מהם יוצא להוראה" אז איינס פון טויזענט פון א ישיבה קומט ארויס להוראה, אבער ביי איך אין ישיבה וויבאלד עס איז נאר דא 40 בחורים בין איך זיכער אז אלע 40 וועלן ארויס קומען להוראה,

בשנת תרמ"ב איז ער אויף גענומען געווארן אלס רב אין שטאט הומענא, און אפילו ער איז דאן געווען גאר יונג זייענדיג נאר 29 יאר אלט, האבן גדולים און צדיקים בדורו געשריבן גאר גרויסע שבחים אויף דעם ערוגת הבושם זי"ע, ובתוכם, הגה"ק בעל חתן סופר זי"ע, הגה"ק רבי חיים צבי מאנהיימער מאונגווואר זי"ע, הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע, און ווי הגה"ק רבי שמעון סופר אב"ד קראקא זי"ע שרייבט בזה"ל, "אשרי לדור שזכה לאותו צדיק משה בן עמרם",

דארט אין שטאט הומענא האט ער מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים, און זיך אוועק געגעבן מיטן גאנצן כוח צו אריינלייגן תורה און יראת שמים אין די תלמידים, און מדריך געווען די תלמידים מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה,

אויך האט ער דארט אין שטאט אויף געטון גדולות ונצורות להעמיד הדת על תילה, ער האט דארט געהאלטן פייערדיגע דרשות, און מוחה געווען קעגן יעדן פירצה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, און נישט געלאזט נאכגעבן גארנישט וואס איז געווען קעגן די הלכה אדער מנהגים וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים אדער סיי וואס,

בשנת תרמ"ד ווען הגה"ק רבי משה שיק בעל מהר"ם שיק זי"ע האט פארלאזט דעם שטאט חוסט, האבן די שטאט מענטשן געבעטן דעם גאון צו נעמען דאס רבנות אין שטאט חוסט, אבער דער גאון צוליב וואס ער איז געווען אזוי צוגעבינדן צו דעם שטאט הומענא, און אויך צו זיינע תלמידים, האט ער נישט געוואלט אוועק גיין פון שטאט הומענא,

אבער בשנת תרמ"ז איז דער גאון געפארן צום קור ארט "הארשפאלוואו" און ער האט דארט געטראפן דעם גרויסן גאון הגה"ק רבי אברהם יצחק וויינבערגער בעל פני יצחק מקליינווארדיין זי"ע, וואס דער גאון רבי אברהם יצחק איז קיינמאל נישט געפארן צו קיין קור ארט, אבער דאן האט די רעבעצין זייער געבעטן צוליב זיין געזונט זאל ער יא פארן, און די צוויי גאונים האבן דארט פארברענגט אין לערנען,

דאן ווען דער גאון רבי אברהם יצחק איז צוריק אהיים געקומען, האט ער געזאגט פאר די רעבעצין, אויב בין איך געפארן צום קור ארט נאר צו טרעפן דעם גרויסן גאון רבי משה מהומענא, האט זיך דאס גאנצע נסיעה געלוינט, און דער גאון האט געזאגט, הלוואי נאך מיין אריכות ימים, זאלט איר האבן דער זכי' צו האבן דער הומענער רב אלס רב ביי ענק אין שטאט,

די ראשי קהלה אין קליינווארדיין האבן דאס גענומען אלס צוואה פונעם רב, און ווען דער פני יצחק זי"ע איז נסתלק געווארן האט מען געשיקט א כתב רבנות פארן ערוגת הבושם באטיטלענדיג מיטן ווארט "משה רעיא מהימנ"א",

ער האט טאקע דאן אנגענומען דאס רבנות אין שטאט קליינווארדיין, און די גאנצע שטאט איז ארויס געקומען מקבל פנים זיין דעם נייעם רב, און ער האט גלייך ביים אנקומען געהאלטן א פייערדיגע דרשה, אויך האט ער מיט געברענגט אסאך תלמידים וואס האבן ביי אים געלערנט אין הומענא,

ער האט דאן אויף געשטעלט א ישיבה וואס איז געווען דאן פון די גרעסטע ישיבות אין אונגארן, הונדערטער גאונים און גדולים זענען פון זיין ישיבה ארויס געקומען, ער האט אפילו זייענדיג דער רב פון שטאט זיך ווייטער אפ געגעבן מיטן ישיבה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, בחורים פון גאנץ מדינות אונגארן זענען געקומען לערנען אין די ישיבה,

אנפאנג ווען ער איז אנגעקומען קיין קליינווארדיין איז ער נאכנישט געווען מקורב צום דרך החסידות, און אפילו זייענדיג א פייערדיגע איש קדוש וטהור, איז ער אבער נישט געגאנגען מיט קיין שטריימל שבת קודש, און דערפאר האבן זיך מאדערנע אידן פון שטאט אויך געפרייט מיטן אנקום פונעם נייעם רב, זיך איינרעדענדיג אז דא האבן זיי באקומען א רב וואס וועט מיט שטיין מיט זייער דרך,

אבער גאר שנעל האבן זיך די מאדערנע אידן איבערצייגט, אז דער נייער רב איז ווייט פון א מאדערנע רב, וויבאלד ער איז דאן נתקרב געווארן צום דרך החסידות, און נישט לאנג נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען האט מען פארן רב געקויפט א שטריימעל, דאן האבן די מתחדשים אנגעהויבן פירן א מלחמה קעגן דעם רב, און דאן האט דער צדיק געזאגט, אז יעצט זעה איך אז דער דרך החסידות און דעם לבוש פונעם שטריימל איז א דבר טוב, ווייל איך זעה אז די מתחדשים קענען דאס נישט פארטראגן,

דאן האבן די מתחדשים און בריונים אריין געגעבן א מסירה ביי די רעגירונג, אז דער רב האט אויף געמאכט א ישיבה פאר זיך וואס איז נישט אופן מהלך פון די רעגירונג, און זיי האבן גע'פועל'ט

ביי די רעגירונג אז מען זאל דעם ישיבה פארמאכן, און אויך האבן זיי זיכער געמאכט אז מען זאל פארבאטן דעם רב, אז ער זאל אפילו נישט קענען בכלל לערנען מיט תלמידים, און עס איז זיי געלונגען אז די רעגירונג האט פארמאכט דעם ישיבה,

אבער דער הייליגער ערוגת הבושם האט זיך פון דעם בכלל נישט דערשראקן, נאר ווייטער מרביץ תורה געווען באהאלטענערהייט, און אויך אריין געלייגט גאר שווערע כוחות צו פועל'ן ביי די רעגירונג לטובות די ישיבה, און בחסדי ד' האט ער גע'פועל'ט א געזעץ "מיניסטעריאל ערלאסס" וואס מיט דעם האט מען ערלויבט ווייטער אנצוגיין מיט די ישיבה, און זכות הרבים תלוי' בידו, ווייל דורך זיין ארבעט וואס ער האט אריינגעלייגט, האט מען דאן אויך געלאזט אין גאנץ אונגארן יעדן רב האבן א ישיבה, און מיט זיין כח און מסירת נפש האט ער געראטעוועט לימוד התורה אין גאנץ אונגארן,

בשנת תרנ"ג ווען הגה"ק רבי יואל צבי ראטה בעל בית היוצר אב"ד חוסט זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם הייליגען ערוגת הבושם אלס רב אין חוסט, און דארט האט ער אויף געשטעלט זיין גרויסע ישיבה, פון ווי עס זענען ארויס געקומען טויזנטער תלמידים גאונים און גדולים, דער ישיבה איז געווען בימים ההם דער גרעסטער ישיבה אין גאנץ אונגארן, יעדן זמן האבן דארט געלערנט איבער 300 בחורים למדנים חריפים ובקיאים בתורה, וואס צווישן זיי זענען שפעטער אויס געוואקסן פיל רבנים און גאונים און מרביצי תורה בישראל,

עס איז ממש נישט צום באשרייבן דאס אהבה וואס ער האט געהאט צו זיינע תלמידים, ער האט מיט א געוואלדיגע מסירת נפש אריין געלייגט אין די בחורים חשקות ויגיעת התורה מיט א התמדה עצומה און מוסר ויראת שמים אויפן דרך החסידות,

פון דארט אין שטאט חוסט, האבן גאר אסאך פון די תלמידים דערציילט דאס עבודת הקודש פון זייער רב דער ערוגת הבושם זי"ע, סיי זיין עבודת השם אין לערנען תורה וואס ער האט עוסק געווען בתורה ממש יומם ולילה אפילו שוין זייענדיג עלטער און שוואך, אויך דאס עבודת התפלה איז צו געגאנגען מיט א אש קודש און א ברען און א מוראדיגע דביקות בשם, אויך דערציילן די תלמידים דאס דביקות און קדושה וואס מען האט געזען ביי דעם צדיק שבת קודש וואס ממש מראהו כמלאך ד' צבקות בקדושה ובטהרה,

אויך האט ער דארט אין שטאט גאר אסאך לוחם געווען קעגן די נאלאגען און די רפורמים, וואס האבן פראבירט אריין צו ברענגען נייע מנהגים, ער האט זיך נישט געלאזט אויף סיי וואס, אנגעהויבן מיט די פלאץ ווי דער חזן זאל שטיין, אויך דעם מקום פונעם בימה אינמיטן דעם ביהמ"ד, ער האט זייער מקפיד געווען צו אפרעכטן דעם אפשערן פון א דריי יעריגע קינד ביי די דריי יאר, און אלעס וואס איז מקובל במסורה פון די פריערדיגע דורות,

אויך האט ער גאר שטארק לוחם געווען בשנת תרס"ד צוזאמען מיט אלע רבנים יראי השם קעגן דעם תנועה הציונית הארורה וואס האט דאן פראבירט אריינצוכאפן אידישע קינדער אין זייער נעץ, איז דער צדיק ארויס געקומען מיט גאר שארפע מכתבים קעגן די ציונים, צוזאמען מיט הגה"ק רבי שמואל ראזענבערג אב"ד אונסדארף זי"ע האט ער ארויסגעגעבן א מכתב, מיט אן אזהרה און איסור צו שטיין ווייט פון זיין אין איין אגודה מיט די ציונים און מזרחים, און מיט זיין גרויסע כח האט ער א גרויסע חלק פון כלל ישראל געראטעוועט פון ח"ו נכשל ווערן פון זיך מחבר זיין מיט די רשעים,

בשנת תרס"ו האט מען אים אויך אויף גענומען אלס רב אין שטאט קראקא, אבער מיט דעם אלעם האט ער דאן נישט אפגעלאזט דעם שטאט חוסט, וואס דער רב האט געהאט א מוראדיגע חביבות צו דעם שטאט און זיינע תלמידים,

ווען דער ערוגת הבושם איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל צו א רבין, איז עס געווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, און ער איז אנגעקומען נאך חצות היום, האט ער געזען ווי דער הייליגער דברי חיים האט דעם טלית אויף די אקסלען, האט ער געטראכט אז אפשר די חסידים דאווענען מנחה מיט א טלית, אבער ווען ער האט געהערט ווי דער דברי חיים הייבט אן ברכת השחר, איז ער ארויס געלאפן און נישט געוואלט דארט בלייבן, אבער שפעטער ווען ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות, האט ער גאר שטארק באוויינט אז ער האט נישט געהאט די זכי' צו קענען דעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע,

באקאנט איז, אז ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות דורכן הייליגען ספר ייטב לב, וואס ווי באקאנט איז דער ספר ייטב לב קודם געווען געדריקט אן א נאמען, און ווען דער ערוגת הבושם האט אריין געקוקט אונעם ספר, איז ער זייער נתפעל געווארן דערפון, האט ער אנגעהויבן נאכגיין ווער דער מחבר איז, און אזוי איז ער נתקרב געווארן צום הייליגען ייטב לב זי"ע, און דערנאך צום דרך החסידות, און געהאט א גאר שטארקע התקרבות ביים ייטב לב זי"ע וואס האט גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגען ייטב לב זי"ע און דער ייטב לב האט דעם איד געזאגט, "דו קוקסט אויס ווי פאר צוואנציג יאר צוריק", ווען דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער הייליגער ייטב לב וויל אים דא זאגן, האט דער ייטב לב מסביר געווען, "דער הומנער רב (ערוגת הבושם), ווען ער קומט צו מיר, קוקט ער יעדעס מאל אויס אנדערש, ווייל ער ווערט נתעלה מיט מדרגות, אבער דו בוסט געבליבן דער זעלבער ווי פאר צוואנציג יאר צוריק",

אויך איז ער געווען שטארק בידידות מיט הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, וואס האט גאר שטארק גערעדט פון דעם גדלות און קדושה פון דעם הייליגען ערוגת הבושם זי"ע, און ער האט געהאט חזקה צו זיין שבת נחמו ביים הייליגען דברי יחזקאל משינאווא, און דער דברי יחזקאל ווען ער האט געהאט א שאלה און ער האט געוואלט האבן נאך א דעת תורה, פלעגט ער זאגן, "אויף שבת נחמו וועט דאך קומען דער חוסטער רב, וועלן מיר אים דאן פרעגן",

אויך איז ער געווען גאר נאנט מיט הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, און מיט הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און הרה"ק מהרי"ד זי"ע האט אמאל געזאגט בזה"ל, "ווען איך קען ווען נישט דעם מחבר פון דעם ספר ערוגת הבושם, וואלט איך געזאגט אז ס'איז דער הייליגער נועם אלימלך זי"ע", אויך האט ער זיך איינמאל אויסגעדריקט, אז די ספר ערוגת הבושם באלאנגט צווישן די ספרי תלמידי בעש"ט, און ער האט געזאגט בזה"ל, "ער האט זיך מיט געכאפט מיט די תלמידי הבעש"ט", און איינמאל האט ער זיך אויסגעדריקט אז דער ספר ערוגת הבושם איז געשריבן ברוח הקודש,

אויך דערציילט מען, אז איינמאל ווען הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע איז געווען אויף אפרוה, איז אויסגעקומען צו שמועסן פון די גדלות פונעם הייליגען ערוגת הבושם זי"ע, האט דער בעלזער רב געפרעגט, אויב איינער ווייסט עפעס איבער די מוטער פונעם ערוגת הבושם, און אין וועלכע זכות זי האט זוכה געווען צו האבן אזא הייליג קינד, עטליכע האבן פראבירט צו דערציילן איר גרויסקייט, זה בכה וזה בכה, אבער דער בעלזער רב האט זיך נישט באגנוגט מיט קיין איינע פון די מעשיות,

ביז איינער האט דערציילט, אז ווען די טאטע רבי עמרם איז געווען אין שידוכים, און מען האט אים אנגעטראגן דעם שידוך, איז ער געפארן צום שטאט פון די כלה, ווי דער סדר איז געווען צו שליסן דעם שידוך, אבער למעשה הארט פארן שידוך שליסן, האט די מדוברת משום איזה סיבה שהוא געמאלדן אז זי וויל נישט טון דעם שידוך, עס איז געווען זייער א אומבאטאמטע געפיל, וויבאלד דער בחור איז שוין געקומען צו פארן, און אצינד דארף ער אהיים גיין מיט ליידיגע הענט,

דער אינגערע שוועסטער פונעם מדוברת, וועלכע איז אויך דארט געווען אין שטוב, נישט וועלענדיג אז דער בחור זאל פארשעמט ווערן, און אויך האבענדיג געהערט דעם גדלות פון דעם בחור, אז ער איז א גרויסע יראה שמים, האט זי באלד געמאלדן פאר די עלטערן, אז זי איז מסכים צו נעמען דעם חתן, און כך הוה מען האט געבראכן טעלער און זי האט חתונה געהאט מיטן בחור עמרם,

הערענדיג די ווערטער האט דער בעלזער רב געזאגט, דאס איז שוין יא גדלות פון א מיידל, און אין דעם זכות האט זי געהאט די זכי' צו אראפברענגען אזא הויכע נשמה אויף די וועלט, וואס האט באלאכטען די וועלט מיט זיין קדושה און תורה,

זיינע הייליגע דברי תורה און שו"ת איז געדריקט געווארן אונעם הייליגען ספר ערוגת הבושם, און עס ווערט דערציילט אז ער האט שוין געהאט אפ געשריבן גאר אסאך חידושים אויפן ש"ס וואס ער האט געפלאנט צו דריקן אינעם ספר, אבער ווען ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות, האט ער מחליט געווען צו מבער זיין אלע חידושי תורה, וואס זענען נתחדש געווארן פון בעפאר ער איז נתקרב געווארן, ווייל די חידושים וואס ער האט מחדש געווען בעפאר ער איז נתקרב געווארן צום דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, איז נישט ראוי לעלות על שולחן מלכים,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה"ק רבי אברהם יוסף מאונגוואר זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב יחזקי' בעל ויגד יעקב מפאפא זי"ע,
הרה"ק רבי יקותיאל יודא מיארע זי"ע,
הרה"ק רבי לוי יצחק מצעהלים זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מאיר מקליינווארדיין זי"ע,
בתו הצדקת מרת מירל חי' ע"ה, בזיווג ראשון אשת הגה"ק רבי הלל מאיר ארנגרובר זי"ע, בזיווג שני אשת הגה"ק רבי אהרן זילבערשטיין זי"ע, בן הרה"ק רבי ישעי' זילבערשטיין בעל מעשי למלך מוויטצען זי"ע,
בתו הצדקת מרת שרה יוכבד ע"ה, בזיווג ראשון אשת הגה"ק רבי אהרן זילבערשטיין זי"ע, חתונה געהאט מיטן שוועסטער מרת חי' ע"ה בזיווג שני,

ליידער האט די וועלט נישט זוכה געווען אז דער גאון וקדוש ישראל זאל האבן אריכת ימים און קענען לייכטען נאך יארן אויף די וועלט, און בשנת תר"ע איז דער צדיק זייער קראנק און שוואך געווארן מיט גרויסע יסורים רח"ל, אבער דער צדיק האט אפילו מיט די גרויסע יסורים ווייטער עוסק געווען בתורה און ממש לא פסק פומיה מגירסא, און אפילו זייענדיג שוואך און נישט געזונט, איז ער מיט א מסירת נפש ממש געגאנגען אין מקו',

יום א' פרשת דברים בשנת תר"ע, די וואך פון זיין פטירה, האט ער געפאדערט אז מען זאל אים טראגן אין מקו' שרייענדיג, אז "היינט איז ביי מיר יום כיפור", און מען האט בלית ברירה אים געמיזט טראגן אין מקו', און מען האט אים גע'טובל'ט אין מקו' טהרה,

פרייטאג פארטאגס ז' אב האבן זיך די תלמידים פארזאמלט ארום דעם בעט פון זייער רבין, און ער האט פון זיי געפאדערט מיט קולות, אז זיי זאלן אויף זיך מקבל זיין עול מלכות שמים מיט מסירת נפש, דערנאך האט ער אנגעהויבן מייחד זיין יחודים נוראים, און געזאגט פסוקי יחוד מיט א געוואלדיגע דביקות נפלאה מיטן ניגון פון נעילה פון יום הקדוש, און ביים פסוק "בידך אפקיד רוחי" איז דער הייליגער צדיק נסתלק געווארן בקדושה וטהרה, און עלטער פון אכט און פופציג יאר אלט,

נסתלק לגנזי מרומים ז' מנחם אב בשנת תר"ע, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט חוסט,

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

אינטערעסאנט צו זעהן, אז דער הייליגער צדיק איז געבוירן געווארן אין יאר תרי"ג, (מצוות), געהייסן האט דער צדיק "משה בן עמרם" מיטן זעלבן נאמען ווי משה רבינו ע"ה, און ביידע זענען נפטר געווארן ז' לחודש (אדר, אב,) און יעדעס יאר קומט אויס ז' אדר און ז' אב, דאס זעלבע טאג אין וואך, חודש אדר איז מרבין בשמחה, און חודש אב איז ממעטין בשמחה, אבער ווי צדיקים האבן געזאגט, אז אדר הייבט מען אן בשמחה, און אב הייבט מען אן ממעט זיין בשמחה, קומט אויס אז דער הויעכפונקט פון שמחה איז חודש אב,

מען דערציילט אז דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע איז געווען דער סנדק ביים ברית פון הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, און דאס לעצטע מאל וואס דער רבי מסאטמאר איז געווען ביים הייליגען ערוגת הבושם זי"ע, איז געווען געציילטע וואכן בעפאר די פטירה,

האט דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע געזאגט פארן רבין, "א גיטער ידיד קען טהון א זכות פארן נשמה אפילו נאכן פטירה, דורכ'ן לערנען משניות לטובת הנשמה", און עס איז באקאנט, אז דער סאטמאר רבי האט יעדעס יאר געלערנט אין טאג פונעם יארצייט משניות לע"נ דעם ערוגת הבושם זי"ע, און ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה שרייבט, אז ער האט אליינס געזען אז אין די

יאר פונעם רבינ'ס פטירה תשל"ט, אינעם טאג פונעם יארצייט פונעם ערוגת הבושם (דאס מיינט דריי וואכן פארן רבינ'ס הסתלקות) האט ער געלערנט משניות לע"נ דעם ערוגת הבושם זי"ע.

אן עלטערן איד האט געזאגט, אז הרה"ק בעל קרן לדוד מפאפא זי"ע האט פארציילט, איינמאל האט ער באזוכט א גרויסער דאקטאר, זאגט איהם דער דאקטאר, כ'האב אמאל אונטערזוכט איינעם גרינוואלד אין וויען, צו האט דאס געקענט זיין משפחה מיט אייך, ענטפערט ער איהם, דאס איז געווען מיין זיידע דער ערוגת הבשם זי"ע,

זאגט אים דער דאקטער, אויב אזוי וועל איך דיר פארציילן וואס האט מיט איהם פאסירט, ער האט דאן געדארפט דורכגיין אן אפאראציע, האט ער פארלאנגט אז מ'זאל איהם נישט איינשלעפען, ווייל ער וויל זיך נישט בידים ברענגען צו היסח הדעת פון דעם שויתי, ער האט צוגעזאגט אז ער וועט זיך נישט רירן בשעת דעם גאנצן אפעראציע, און כך הוה במשך דעם גאנצען אפאראציע איז ער געלעגן בדביקות נפלאה און האט זיך קיין ריר נישט געגעבען.

דער ערוגת הבושם האט זייער שטארק אכטונג געגעבן, ווי אזוי ער פירט זיך אויף מיט געלט זאכן, אז ער זאל חלילה נישט האבן קיין איין פרוטה פון א צווייטן וואס עס קומט איהם נישט, עס פלעגן קומען צו איהם אסאך בריוון פון ארום די וועלט, ווי מען האט איהם אן געפרעגט פארשידענע שאלות, און די פרעגער'ס האבן אריין געלייגט א סטעמפ, אז דער גאון זאל זיי קענען צוריק שיקען אן ענטפער מיט די פאסט,

אבער אזוי ווי דער גאון האט באקומען זייער אסאך שאלות, און ער איז אויך געווען א רב, האט ער נישט געהאט די צייט צו ענטפערן אויף אלע בריוון, דערפאר האט דער גאון געשפירט ביי זיך, אז ער האט אפשר עובר געווען אויף די עבירה פון גניבה (כאטש וואס באמת האט ער גארנישט גענומען ביי קיינעם, און ער האט זיי גארנישט געבעטן, און ער איז אויך נישט מחויב זיי צו ענטפערן),

דערפאר האט ער געשריבן אין זיין צוואה, אז ער האט אפגעשיידט א געוויסע סומע געלט, וואס מען זאל עס געבן פאר צדקה, וואס דאס איז די ווערט פון די סטעמפ'ס וואס מען האט איהם געשיקט, און ער האט נישט צוריק געשריבן אן ענטפער, און ער האפט אז די וואס האבן געשיקט די סטעמפ'ס וועלן איהם מוחל זיין אז זייער געלט גייט פאר צדקה.

דער צדיק וקדוש דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת התפילה, זיינע תלמידים און חסידים האבן מעיד געווען, אז יעדער וואס האט געהאט די זכי' נאר אפילו איינמאל צו זיין בשעת דער צדיק האט אראפ געלייגט זיין עבודה ביים דאווענען, איז נתעורר געווארן צו תשובה ותיקון המעשים, זיין דאווענען איז געווען מיט אזא דביקות און השתפכות הנפש,

ווערט געברענגט אינעם ספר ויגד יעקב, אז איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם צדיק דער הייליגער ערוגת הבושם איז געווען א בחור א תלמיד חכם מיט א גאר שארפן קאפ, ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער ליידער האט זיך אים איין טאג פארגלוסט צו גיין שטודירן אין דייטשלאנד, און דער בחור האט געהאלטן אס דאס וועט אים ברענגען אסאך געלט און כבוד זייענדיג א געלערנטער בחור,

פארשטייט זיך אז דער בחור האט קיינעם נישט דערציילט זיינע פינסטערע פלענער, נאר ווען עס איז געקומען בין הזמנים ווען יעדער פארט אהיים צו די עלטערן, איז דער בחור אויך אהיימגעפארן, אבער נאך בין הזמנים אנשטאט פארן צוריק אין ישיבה, האט דער בחור גענומען א באן קיין דייטשלאנד, אויפן וועג האט זיך די באן אפ געשטעלט אין א שטאט אויף עטליכע שעה צו ווארטן אויפן קומענדיגע באן וואס זאל אים פירן קיין דייטשלאנד,

דער בחור וויסענדיג אז מען גייט דא זיין פאר אפאר שעה, האט ער זיך אריבער געכאפט צום שול פונעם שטאט צו דאווענען שחרית, יענעם טאג איז געווען ראש חודש, און ווען דער בחור איז אנגעקומען סוף הלל צו די ברכה פון "יהללוך", האט ער זיך דערמאנט אינעם זיסן קול מיט וואס זיין רבי דער הייליגער ערוגת הבושם פלעגט זאגן דעם ברכה, האט אויף געפלאמט זיין אידישע פינק און דער בחור האט זיך געכאפט וואס ער טוט דא,

דאן האט דער בחור צוזאם געקלאפט זיינע הענט און ביי זיך געטראכט, אוי ווי וואס טו איך דא, איך גיי ח"ו איבער לאזן די ישיבה הקדושה פון מיין הייליגען רבי'ן און דאס פארטוישן מיטן גיין שטודירן די טומאה אין דייטשלאנד, דער בחור האט ממש געוויינט מיט ביטערע טרערן, און דאן איז ער גלייך אריבער געלאפן צום באן, און ער האט גענומען דעם קומענדיגן באן גלייך קיין חוסט צום רבינ'ס ישיבה, און שפעטער איז דער בחור אויסגעוואקסן א חשובער רב בישראל, און דאס אלעס איז געווען דורך דעם עבודת התפילה פונעם צדיק,

א חסיד א איד פון שטאט בארדיוב האט דערציילט פארן ברודער פונעם הייליגען ערוגת הבושם הרה"ק רבי יעקב יחזקי' מחוסט זי"ע, אז יארן צוריק איז ער געווען א גרויסער ארימאן און ער האט דאן געברויכט פארן פאר צרכי רפואה צו די גרויסע דאקטורים אין וויען וואס איז געווען באוויסט אלס א ארט פון די בעסטע דאקטורים, אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט צו באצאלן פאר די מעדעצינען, און דער איד האט זיך דארט אין וויען ארום געדרייט צובראכן נישט וויסענדיג ווי זיך אהין צו טון,

איז צו געקומען צו אים א גרויסע אידישע פראפעסער און האט דעם איד אויפגענומען מיט גרויס כבוד און האט זיך מיט דעם איד אפגעגעבן מיט פיל הארץ און געפיל און אפילו באצאלט אלע קאסטן פון די מעדעצינען, עס איז געווען פאר דעם בארדיובער חסיד א גרויסע וואנדער, אז דער פראפעסער האט זיך מיט אים אפגעגעבן אזוי הארציג אפילו וויסענדיג אז ער האט נישט קיין פרוטה צוריק צו באצאלן די גרויסע אויגאבן,

שפעטער האט דער איד געפרעגט דעם פראפעסער, די סיבה פארוואס ער האט זיך אזוי שיין אפגעגעבן מיט אים, האט דער פראפעסער געפרעגט פון דעם חסיד, איר האט געהערט פון הרב משה גרינוואלד פון חוסט, האט דער איד געזאגט, אז זיכער

קען ער אים, ער איז דאך פון די גרויסע צדיקי הדור, דערציילט דער פראפעסער די מעשה,

פאר פילע יארן צוריק איז דער הרב גרינוואלד געקומען זיך דא היילן אין וויען, און ער האט געברויכט דורך גיין א שווערע אפעראציע, און איך בין געווען צווישן די דאקטורים ביי די אפעראציע, ווען אלעס איז שוין געווען גרייט פאר די אפעראציע, האט דער הרב גרינוואלד געבעטן, אז מען זאל נאך צו ווארטן אביסל איידער מען הייבט אן די אפעראציע,

און דאן האט דער הרב גרינוואלד אנגעהויבן זאגן "נשמת" מיט א געוואלדיגע התעוררות און דביקות מיט גרויסע בכיות, ווער עס איז דארט געשטאנען איז נתעורר געווארן צו תשובה פון דעם מראה ווי דער צדיק גיסט טייך און טרערן און זאגט "נשמת", אויך איך דערציילט דער דאקטאר בין דאן שטארק נתעורר געווארן צו תשובה און זייער געוויינט אויף מיין מצב אין אידישקייט, און דאן האב איך צו מיר געטראכט מיט וואס איך קען תשובה טון וויבאלד איך בין דאך א דאקטאר,

האב איך מיך דאן פאר גענומען, אז ווען אימער איך וועל זעהן א איד וואס ברויך הילף בעניני רפואה, וועל איך מיך מיט דעם איד אפגעבן בלב ובנפש און טון וואס איך קען צו אויסהיילן דעם איד, און דערפאר האב איך מיך אזוי אפגעגעבן מיט דיר מיטן גאנצן הארץ, דאס איז געווען די געוואלדיגע השפעה פין א נשמת פועם הייליגען ערוגת הבושם זי"ע.

נאכן פטירה פונעם הייליגען ערוגת הבושם זי"ע, האט זיך געמאכט ביי זיין זוהן ר' אברהם יוסף, אז איין יאר חודש תשרי איז שוין געווארן שפעט אין די חודש, און מען האט נאך נישט געזען די לבנה צו קענען מאכן קידוש לבנה, עס איז שוין געווען די לעצטע נאכט וואס מען קען מאכן קידוש לבנה, אבער מען זעהט נישט קיין לבנה,

ר' אברהם יוסף האט זיך געלייגט אין בעט זייער בצער, אז ער וועט נישט זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון קידוש לבנה, אינמיטן נאכט איז זיין טאטע דער הייליגער ערוגת הבושם אים געקומען אין חלום און זאגט אים, שטיי אויף ווייל עס איז יעצט דא א לבנה, ר' אברהם יוסף האט זיך אויפגעוועקט, ער איז ארויס אינדרויסן ווי ער האט געזען א שיינע לבנה און מקיים געווען די מצוה פון קידוש לבנה.

א איד משה וואס איז געקומען פון שטאט חוסט, איז געווען אין די ארבעטס לאגער ביי די צווייטע וועלט מלחמה, ער לייגט זיך שלאפן איין נאכט, און ער זעהט דעם רבין דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע אין חלום, און דער רבי זאגט פאר דעם איד, בזכות פון די אלע תפילות וואס איך האב געדאווענט מיט א התלהבות ביים לעבן, האט מען מיר געגעבן א כוח נאך צו דאווענען בעולם הזה אפילו נאך מיין פטירה,

ווי באקאנט האבן די דייטשן ימ"ש אויב איינער איז ליידער אומגעקומען אדער איז געווען גאר שטארק קראנק, און זיי האבן געזען אז דער גייט שוין נישט לעבן צו לאנג, האט מען קודם אריינגעלייגט דעם גוף און א חדר המתים, וואס פון דארט האבן זיי געשיקט דעם גוף על מוקד אש, און אויב האט מען איינעם געטראפן אריינגיין אין דעם צומער איז געווען אחת דתו להמית,

און דער צדיק זאגט אים, דארט אין חדר המתים ליגט מיינס א אייניקל דוד, וואס באמת האט ער נאך חיות אין זיך ער לעבט נאך, אבער נאך אביסל וועט ער ליידער אויסגיין, בעט איך דיך גיי אריבער צו דעם חדר, און זאג פאר דעם אייניקל אין די אויער אפאר מאל די ווערטער, "דער זיידע ווינטש דיר א רפואה שלימה", ביז ער שטעלט זיך אויף די פיס און גייט ארויס מיט דיר, און איך בין דיר מבטיח, אז אויב די וועסט דאס טון וועלן ענק ביידע אי"ה ארויסגיין פון דעם גיהנום לעבעדיג,

דער רבי משה דערוועקט זיך און טראכט נישט קיין צוויי, ער גייט ארויס פונעם לאגער, און צו זיין מזל איז דארט נישט געווען קיין שומרים, און ער גייט אריין אין דעם חדר המתים, און דארט איז אויך נישט דא קיין שומרים, און ער הייבט אן זיכען דעם דוד, און ווען ער טרעפט אים האט ער אנגעהויבן זאגן וואס דער זיידע האט געהייסן, און לפלא האט ער געזעהן ווי צוביסלעך באקומט דער דוד א סימן פון לעבן, און נאך אפאר מאל האט ער געפרעגט ווי ער איז, האט ער אים שנעל ארויס גענומען פון צווישן די מתים, און אים אריבער געטראגן אונעם לאגער, און פארשטייט זיך ביידע האבן מיט ניסים דורך געמאכט די מלחמה און באפרייט געווארן,

דער הייליגער צדיק דער ערוגת הבושם זי"ע האט אמאל געזאגט א פשט אויפן פסוק (דברים ג' כ"ג) וָאֶתְחַנַּן אֶל ד' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר, האט דער צדיק דער ערוגת הבושם זי"ע געפרעגט, לכאורה פארוואס דערציילט משה רבינו אז ער האט מתפלל געווען תקט"ו תפלות (כמנין ואתחנן), דאס נעמט דאך אוועק די לעצטע האפענונג און חשק פון א איד צו מתפלל זיין, ווייל אויב משה רבינו, דער רבן של ישראל ואיש אלקים, איז אזוי מפציר בתפלה, און ס'ווערט נישט נתקבל, וואס זאל מיר אונז טראכטן, און פארוואס זאלן אונזער בקשות יא דערהערט ווערן,

נאר זאגט דער ערוגת הבשם, פונקט פארקערט, ווייל לכאורה וואס איז פשט אז ערשט נאך 515 תפלות, זאגט איהם הקב"ה "רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה", אויב ווייל דער באשעפער איהם נישט נאכגעבן, פארוואס האט איהם דער אייבירשטער נישט געזאגט תיכף ומיד נאך די ערשטע תפלה, "גענוג, בעט נישט מער, וועסט ממילא נישט פועל'ן",

אלא מאי לערנט מען פון דא ארויס, אז הקב"ה איז מתאוה לתפילתן של צדיקים, אז דער גרויסער באשעפער האט הנאה פון יעדע תפילה פון א איד, און דערפאר זאגט משה רבינו פאר אידישע קינדער "ואתחנן אל ד' בעת ההוא", דער הייליגער באשעפער האט מיר געלאזט דאווענען 'תקט"ו' תפלות, און מיר נישט אפ געשטעלט באלד ביים אנהייב, "לאמור", דאס איז א סימן לדורות אז דער אייבערשטער קוקט ארויס און איז מתאוה אז אידישע קינדער זאלן מתפלל זיין צו איהם.

**יארצייט**
**שבת קודש ח׳ אב**

**הרה״ק רבי מנחם ב״ר אברהם זי״ע, (ברודא),**
**בעל באר מנחם, אב״ד ור״ם קאלוב,**

ער איז געבוירן געווארן אין שטאט ברעזנא, כ״ב שבט בשנת תר״ך,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי אברהם ברודא בעל פרי החג אב״ד ברעזנא זי״ע,
בן הרה״ק רבי שלמה זלמן זי״ע,
בן הרה״ק רבי מרדכי אב״ד אונסדארף זי״ע,
נכד הרה״ק רבי אברהם ברודא בעל אשל אברהם זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת אסתר ע״ה,
בת הגה״ק רבי אברהם יצחק וויינבערגער בעל פני יצחק אב״ד קליינווארדיין זי״ע,

ער איז געווען א גאון עצום און א גדול בתורה, ער איז געווען א בקי נפלא בכל חדרי תורה, און א גרויסע עובד השם, א ענוותן און שפל ברך, און א רודף צדקה וחסד עד להפליא, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גדולים און גאונים בתורה מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, ער האט פאר די תלמידים געזארגט ווי א טאטע פאר זיינע קינדער מיט א מסירת נפש, אידן האבן דערציילט אסאך מעשיות ווי מען האט געזען די הייליגע אויגן וואס דער צדיק האט פארמאגט, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות,

גאנץ יונג האט ער געלערנט ביי זיין זיידן הגה״ק רבי אברהם יצחק מקליינווארדיין זי״ע, און ער האט גאר אסאך תורה און עבודת השם געלערנט ביי זיין הייליגען זיידן, שפעטער איז ער אריין אין ישיבה פון הרה״ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים בעל ייטב לב מסיגוט זי״ע, און דער הייליגער ייטב לב האט גאר שטארק געררעדט פון זיין התמדת התורה און זיין געוואלדיגע קדושה, און זיין לב טוב פאר אידישע קינדער,

אויך איז ער געווען א תלמיד מובהק פון הגה״ק רבי יואל צבי ראטה בעל בית היוצר אב״ד חוסט זי״ע,

ראש חודש ניסן תרמ״ג האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת מרים ע״ה,
בת הרה״ק רבי משולם פייש לאווי השרף מטאהש זי״ע,

און וויבאלד די כלה איז דאן שוין געווען א יתומה, ווייל די טאטע דער שרף מטאהש איז נסתלק געווארן יונגערהייט בשנת תרל״ג, איז די טאכטער די כלה אויף געצויגען געווארן ביים שוואגער הרה״ק רבי יהוסף ראטענבערג בעל בני שלישים מקאסאן זי״ע,

אלס נדן פארן חתן האט דער קאסאנער רב געגעבן פארן חתן דאס רבנות אין טאהש, וויבאלד דער זוהן הרה״ק רבי אלימלך מטאהש זי״ע איז נאך דאן געווען א קינד, און עס איז געווען אויס גענומען, אז ווען רבי אלימלך וועט זיין ראוי איבער צו נעמען דאס רבנות וועט עס אריבער גיין צו אים,

דאן זייענדיג נאר 20 יאר אלט איז ער געווארן רב אין טאהש, און אויף דעם פאסטן האט ער געדינט פאר בערך ניינצן יאר, און ער האט גאר אסאך קדושה משפיע געווען פאר זיינע חסידים, און ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א גרויסע עובד השם און א געוואלדיגע תלמיד חכם, ער האט געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און עוסק געווען אין עבודת השם יומם ולילה,

איינמאל האבן די תלמידים געפרעגט פון זייער רבין דער חוסטער רב רבי יואל צבי זי״ע, און וואסערע זכות האט דער באר מנחם זי״ע זוכה געווען אריין צו גיין אין אזא הייליגע משפחה פונעם שרף מטאהש זי״ע,

האט רבי יואל צבי געזאגט, ווייל מענדעלע האט שוין יונגערהייט ביי שלש סעודות געוויינט בדמעות שליש, אז דער טעם פונעם שבת קודש זאל פון אים קיינמאל נישט אוועק גיין, נאר עס זאל בלייבן ביי אים די גאנצע וואך, און וועגן דעם איז נישט קיין וואונדער פארוואס ער האט זוכה געווען אריין צו גיין אין אזא הייליגע משפחה,

בשנת תרס״ב ווען דער גאון וצדיק הגה״ק רבי ישכר אברהם בנעט אב״ד קאלוב זי״ע איז נסתלק געווארן, האט מען אויף גענומען דעם הייליגען באר מנחם זי״ע אלס רב אין שטאט קאלוב, און דאן זענען א קבוצה בחורים וואס האבן ביי אים געלערנט אין טאהש, מיט געגאנגען מיט זייער רבין קיין קאלוב,

דארט אין קאלוב האט זיך דער רב אריינגעלייט אין הרבצת התורה אויף א מוראדיגען פארנעם, ער האט זיך אוועק געגעבן מיטן גאנצן כוח פאר זיינע תלמידים מיט א מסירת נפש ממש, דארט אין ישיבה האבן געלערנט בערך 150 בחורים גאונים און גדולים בתורה, און 23 יאר שפעטער האט ער אמאל געזאגט, אז ער האט שוין ארויס געגעבן פון דעם ישיבה 12 טויזענט תלמידים,

צווישן זיינע גרויסע תלמידים דארט אין קאלוב איז געווען דער שפעטערדיגע טאהשער רבי הרה״ק רבי משולם פייש לאווי בעל עבודת עבודה מטאהש זי״ע,

ער האט געפירט דעם ישיבה מיט א געוואלדיגע הנהגה, ער האט פרעזענליך געגעבן יעדן טאג א שיעור עיון פאר די תלמידים, און ביי דעם שיעור האט ער פארלאנגט אז יעדער פון קליין ביז גרויס זאל דארט זיין, דערנאך האט ער פאר געלערנט צוויי סוגיות הש״ס יעדע זמן מיט א געוואלדיגע עמקות, אויסער דעם האט ער מקפיד געווען אז יעדער תלמיד זאל לערנען חומש רש״י און אויך שו״ע אורח חיים און יורה דעה, און פארשטייט זיך מוסר,

ער פלעגט יעדן טאג פארהערן די תלמידים אויף וואס מען האט נעכטן געלערנט, און נאכן בחינה האט ער געלערנט מיט די תלמידים א שיעור אין תהילים און אויף משלי, און סוף וואך האט זיך יעדער בחור געברויכט שטעלן צום פארהערן אויפן שיעור פון די גאנצע וואך,

ער האט גאר אסאך מחזק געווען זיינע תלמידים, און די וואס זענען געווען ראוי צו נעמען די הוראה, האט ער זיי שטארק צו געשטיפט צו גיין נעמען די הוראה, און דורך דעם קענען אליין אויך מרביץ תורה זיין און משפיע זיין קדושה פאר כלל ישראל,

ער פלעגט יעדן טאג אויפשטיין בערך דריי אזייגער פארטאגס, און דאן אפ געראכטן תיקון חצות בבכיה רבה און געקלאגט אויף גלות השכינה, און אייביג מזרז געווען די תלמידים צו אויפשטיין גאר פרי, און עוסק זיין בתורה בעפארן דאווענען,

און דער צדיק האט כסדר געזאגט, אז אינדערפרי שעה'ן איז א געוואלדיגע עת רצון, אז דורך די תורה זאלן די תפילות נתקבל ווערן,

ער האט דעם ישיבה געפירט אויפן אלטען חסידישן דרך, ער האט מקפיד געווען אז ביים דאווענען זאל מען שטיין אויף איין פלאץ און נישט ארומגיין, ווייל דאס שטערט פאר כוונות התפילה, און ער האט געדאווענט צוזאמען דעם פארענט מיט ציבור אויפן וועג פון חזן וקהל, די וועג וואס ער האט מקבל געווען פון זיין שווער הרה"ק השרף מטאהש זי"ע, אויך האט ער זייער מקפיד געווען אז די בחורים זאלן יעדן טאג גיין אין מקו', ווייל דאס ברענגט אריין א קדושה אין א איד, צו קענען דינען דעם באשעפער מיט הייליגקייט,

ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבה צו זיינע תלמידים און בכבודו בעצמו געמאכט זיכער אז עס פעילט זיי גארנישט, ער האט זיך אומגעקוקט עס זאל אייביג זיין גענוג צו עסן פאר די תלמידים, אז זיי זאלן האבן כח צו לערנען און דינען דעם באשעפער געזונטערהייט, בשעת דאס עסן איז ער ארום צווישן די תלמידים, און מיט א שמייכל זיי מחזק געווען און ארויס געוויזן א שטארקע חביבות,

אפילו ווען ער האט מוסר געזאגט פאר א תלמיד, איז דאס געווען מיט א ליבשאפט און צווישן אים און די תלמיד, כדי ח"ו נישט צו פארשעמען א תלמיד, איינמאל האט א בחור פון ביי אים אין ישיבה זיך געשוירן די בארד, האט ער צוגערופן דעם בחור צו זיך, און דורך געפירט זיינע הענט אויפן בארד, און געפרעגט פונעם בחור, "עס שטערט דיך", האט דער בחור געזאגט אז ניין, האט דער רבי געזאגט, "אבער מיך שטעכט עס זייער", דער בחור האט גלייך פארשטאנען דעם רמז, און זיך מער נישט געשוירן די בארד, און דאס אלעס איז צו געגאנגען מיט א שמייכל און אהבה,

ער איז יעדן תשעה באב געגאנגען מיט אלע תלמידים צום ציון פון הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע, און פורים האט ער מיט די בחורים געזונגען דעם הייליגען ניגון "סול הקאקאש", פונעם קאלובער רבי זי"ע,

הרה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע האט דערציילט, אז אלע גדולי הדור האבן מעריץ געווען דעם רבין, און האבן אלע גערעדט פון זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה און חכמה יתירה, ובתוכם הגה"ק רבי יהודה גרינפעלד בעל שו"ת מהרש"ג מסעמיהאלי זי"ע וואס האט אים געהאלטן אלס איינע פון די צדיקי הדור,

און ווען דער צדיק און מופת הדור הרה"ק רבי ישעי'לע מקערעסטיר זי"ע איז נסתלק געווארן, און דער מהרש"ג האט געהערט ווי דער עולם רעדט צווישן זיך מיט צער, וואס מען גייט פון יעצט און ווייטער טון אויב מען ברויך א ישועה, האט ער געזאגט פאר די אידן, מען דארף נישט זיין באזארגט, ווייל מען קען פארן קיין קאלוב צום הייליגען באר מנחם, וואס איז א גרויסע פועל ישועות און א צדיק הדור,

אויך איז ער געווען גאר שטארק נאנט מיט הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, און אסאך געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון דער בעלזא רב זי"ע, און דער בעלזא רב פלעגט אים מכבד זיין צו דאווענען פארן עמוד שבת קודש צופרי, און ער האט זייער געגליכן ווען רבי מנחם האט געדאווענט פארן עמוד,

אויך איז ער געווען זייער בידידות מיט הרה"ק רבי חיים אלעזר בעל מונחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, וואס פלעגט יעדעס יאר קומען צום יארצייט ז' אדר פון הרה"ק רבי אייזיקל מקאלוב זי"ע, און נאכן ציון פלעגט ער ארויף גיין צום באר מנחם אין שטוב, און זיי האבן צוזאמען פארברענגט אין תורה,

אויך דערציילט זיין תלמיד הרה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע, אז די רבי דער הייליגער באר מנחם זי"ע איז געווען א גאר קלוגער מענטש און געהאט דעם פיפטן שולחן ערוך, און אייביג געטון אלעס מיט חכמה און איבער געטראכט, איינמאל איז געווען א דין תורה וואס די רבי איז געווען איינע פון די דריי דיינים, און די אנדערע צוויי איז געווען הגה"ק רבי שאול ראזענבערג מראצפערט זי"ע, און דער טאהשער רבי זי"ע,

און מען האט דן געווען אלע וועגן, און ביים פסק האט ער דער טאהשער רבי און דער קאלובער רבי מכריע געווען דעם פסק אויף איין זייט, אבער דער ראצפערטער רב האט געהאלטן אנדערש ווי זיי, האט ער דער קאלובער מיט זיין חכמה געזאגט פארן ראצפערטער רב, אונז זעמיר גרייט אז די זאלסט מכריע זיין וואס דער פסק זאל זיין, און אונז זעמיר מסכים אן צו נעמען דיין פסק הלכה,

ווען דער ראצפערטער רב האט דאס געהערט, האט ער איבער געטראכט זיין פסק הלכה, וויבאלד אלעס ווענט זיך דאך אין זיין מיינונג, און צום סוף האט ער אויך מכריע געווען אזוי ווי דער קאלובער רב, און דער טאהשער רבי האט אויס געפירט, אז דאס איז געווען די חכמה פונעם קאלובער רב, אז ער האט אייביג געארבעט מיט שכל, און קיינמאל נישט געמיינט זיין כבוד בכלל,

אפילו זייענדיג א גאון עולם און א קדוש וטהור, האט דער צדיק נישט געהאלטן פון זיך גארנישט, ער האט אלס רב אין שטאט נישט גענומען קיין קוויטלעך, און נישט פארשטאנען ווען איינער איז אים געקומען בעטן א ברכה, און כסדר געפרעגט וואס מען וויל פון אים, און פארוואס מען טראכט אז ער קען געבן ברכות, אבער ווען עס איז געקומען צו א תלמיד זיינער, האט ער געטון אלעס אין זיין יכולות צו העלפן זיינס א תלמיד, און אסאך פון זיינע תלמידים זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות דורך א ברכה פון זייער רבין,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אונעם ספר באר מנחם,

ער האט ליידער נישט געהאט קיין זש"ק, אבער ער האט ביי זיך אין שטוב אויף געצויגען הרבנית הצדקת מרת שרה רחל ע"ה, דעם טאכטער פון הרה"ק רבי מרדכי מדעמעטשער זי"ע, בן הרה"ק רבי אלימלך מטאהש הראשון זי"ע, בן הרה"ק השרף מטאהש זי"ע, ווען איר טאטע איז נפטר געווארן יונגערהייט, און זי האט חתונה געהאט מיט דעם ברידער פון איר טאטע הרה"ק רבי אשר לאווי זי"ע, בן הרה"ק רבי אלימלך מטאהש זי"ע, און רבי אשר איז געווען דער ממלא מקום אין קאלוב נאכן פעטערס הסתלקות,

עס איז באקאנט אז דער צדיק האט באמת געהאלטן זיינע תלמידים אלס זיינע אייגענע קינדער, איינמאל איז א צדיק געקומען באזוכען דעם רבין, און בתוך הדברים איז אריין געקומען דאס, אז די רבי האט ליידער נישט קיין קינדער, האט דער צדיק געבעטן דעם גאסט, אז ער זאל מיט אים קומען אין ביהמ"ד, און

ער האט אויף געמאכט דעם טיר, און וויזט פארן גאסט אויף די תלמידים און זאגט, די זעסט דאס זענען מיינע קינדער,

נסתלק לגנזי מרומים ערב שבת קודש פרשת דברים ח' מנחם אב בשנת תרצ"ח, ומנוחתו כבוד איז אין די ביה"ח החדש אין שטאט קאלוב,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה"ח ר' מרדכי גרובער ז"ל א תלמיד חביב פונעם הייליגען באר מנחם זי"ע האט דערציילט, אז די מנהג ביים רבין איז געווען, אז יעדן שבת קודש צופרי, האט דער הייליגער באר מנחם זי"ע געטיילט פאר אלע תלמידים און אפילו יונגעלייט "טיי", און מען האט שוין געוויסט, אז אויב איז מען נישט געווען אין מקו', האט דער צדיק דאס גלייך מרגיש געווען, און יענער האט בשום אופן נישט באקומען קיין טיי,

זענען געווען בחורים וואס האבן זיך נישט געוואלט אן שטרענגען צו גיין אין מקו', זענען זיי נישט געגאנגען נעמען קיין טיי, אבער נאכן דאווענען האט ער געטיילט פאר אלע תלמידים די מאכל "פשטיד"א" כמו קיגעל, און עס איז געווען א פלא, אז די בחורים וואס זענען יענעם טאג נישט געווען אין מקו', האט ער נישט געגעבן פונעם מאכל,

איינמאל איז ער ר' מרדכי גרובער אנגעקומען שבת צופרי אביסל שפעט אין ביהמ"ד, ווען מען האט שוין געהאלטן אינמיטן דאווענען, אבער ער האט מחליט געווען אז ער וועט גיין אין מקו' בעפארן דאווענען, און אנקומען אביסל שפעטער צום דאווענען, און ער איז אנגעקומען אין ביהמ"ד ווען דער ציבור האט שוין געהאלטן ביי ברוך שאמר,

נאכן דאווענען ווען די תלמידים האבן זיך געשטעלט אין די רייע צו נעמען "פשטיד"א" פונעם רבין, און עס איז אנגעקומען די רייע אויף ר' מרדכי, האט אים די רבי געזאגט, "אמת טאקע די בוסט אנגעקומען צו ברוך שאמר ביים דאווענען, אבער כאטש בוסטו געווען אין מקו', און דערפאר וועל איך דיר געבן פון די "פשטיד"א",

הרה"ח ר' פנחס דוד רייז ז"ל האט געוואוינט אין שטאט קאלוב, איינמאל איז די ווייב געווען א מקשה לילד, איז ער געקומען צום רבין און מזכיר געווען זיין ווייב, און די רבי האט אים געגעבן א ברכה, אבער ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער געזען אז די ישועה איז נאכנישט געקומען, איז ער צוריק געלאפן צום רבין, און געוויינט מיט טרערן אז די רבי זאל אים העלפן,

האט די רבי געהייסן פארן משמש אז ער זאל געבן פאר ר' פנחס דוד דעם ספר הקדוש נועם אלימלך פון ביי אים אין שטוב, האט ר' פנחס דוד געזאגט, אז ער האט שוין דעם ספר הקדוש נועם אלימלך ביי זיך אין שטוב, האט דער צדיק געזאגט, אבער מיין נועם אלימלך האסטו נאך נישט, דאס איז די נועם אלימלך וואס האט באלאנגט פאר רבי אייזיקל מקאלוב זי"ע, האט ר' פנחס דוד גענומען דעם ספר און צוריק אהיים געלאפן, און אזוי ווי ער איז אריין געקומען אין שטוב, האט מען דאן אויסגערופן מזל טוב און דאס קינד איז געבוירן געווארן בשעה טובה ומוצלחת,

אין שטאט קאלוב איז געווען א גרויסע דאקטאר ד"ר וואדאס, וואס איז ליידער פארקראכען געווארן פון אידישקייט, און ליידער האט ער געוואלט נעמען א גוי'שע פרוי און חתונה האבן מיט איר, די מאמע פונעם דאקטאר איז געווען א אשה כשירה וואס איז געווען ערליך און א אושה צנועה, איז זי געקומען צום רבין און מזכיר געווען, אז יעצט ווען זי האלט סוף ימיו, זאל זי ברויכן צו זעהן ווי איר קינד האט חתונה מיט א נישט אידישע פרוי, און זי האט זייער געוויינט אז דער רבי זאל איר געבן א ברכה און ברענגען א ישועה,

אזוי שטייענדיג דארט ביים רבין, און די רבי איז געווען אין א שטארקע דביקות, איז אנגעקומען א בשורה אז די גוי'שע פרוי האט געהאט א עקסידענט און איז געשטארבן, די מאמע האט שוין געזען אז דער רבי האט דא עפעס אנגעארבעט, און נישט לאנג נאכדעם איז דער ד"ר וואדאס געקומען צום רבין און געבעטן אז די רבי זאל אים מחזיר בתשובה זיין, און נאך א שטיק צייט האט ער חתונה געהאט מיט א פרוי א שומר תורה ומצות, און אויף געשטעלט א ערליכע אידישע שטוב, אלעס מיטן גרויסן כח פון אהבת ישראל וואס דער צדיק האט געהאט,

איינע פון די תלמידים פונעם הייליגען באר מנחם מקאלוב זי"ע האט דערציילט, אז עס האט זיך געמאכט א פארוויקעלטע עסק אויפן באר מנחם זי"ע, און מען האט דעם צדיק פארגעהאלטן אויף דעם, האט זיך דער צדיק מתנצל געווען פאר זיינע תלמידים בזה"ל, "א איד וואס זאגט יעדן טאג דעם תפילה קדושה פונעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, מאכט נישט קיין טעותים", לפלא נישט לאנג נאכדעם איז ארויס געקומען דעם אמת, און מען האט טאקע מברר געווען אז דער צדיק איז געווען גערעכט.

איינע פון די תושבי קאלוב הרה"ח רבי ישעיהו פריעדמאן ע"ה וואס איז געווען דער גבאי אין דעם בית הכנסת, און ער איז שוין געווען 17 יאר נאך די חתונה, און ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, איין יאר חודש טבת ווען מען האט שוין געהאלטן דעם לעצטן טאג וואס מען קען מאכן קידוש לבנה אבער מען זעהט נישט קיין לבנה,

דער הייליגער באר מנחם זי"ע האט זייער משתוקק געווען צו מאכן קידוש לבנה, האט ער געזאגט פאר די תלמידים נאך מעריב, אז יעדער זאל בלייבן אין שוהל, ווייל ער האפט אז מען וועט קענען מאכן קידוש לבנה, און דער רבי איז אריין אין זיין שטוב, און עס איז געגאנגען א שניי אינדרויסן, און פלוצלונג האט זיך דער לבנה באוויזן,

איז א בחור אריינגעלאפן צום רבין און מבשר געווען די בשורה טובה אז עס איז דא א לבנה, איז דער רבי געקומען צו לויפן מיט א געוואלדיגע שמחה וואס ממש מען האט קיינמאל נישט געזען אזא שמחה ביים רבין, און לויפענדיג איז ער אנגעקומען אינדרויסן פון דעם שוהל און נישט געזען אז עס איז דא אפאר טרעפ, און ער איז כמעט אראפ געפאלן די טרעפ מרוב שמחה דקדושה, אז ער גייט מקיים זיין די מצוה פון קידוש לבנה,

און פונקט זענען דארט געשטאנען צוויי בחורים וואס האבן גלייך אנגעכאפט דעם רבין, און אזוי איז ער נישט אום געפאלן,

די קידוש לבנה איז צו געגאנגען מיט א שמחה גדולה, דער רבי איז געשטאנען מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה, דער גבאי ר' ישעי' האט געזען אז עס איז א עת רצון ביים רבין, איז ער צו געגאנגען צום רבין און געבעטן א ברכה, אז ער זאל שוין זוכה זיין צו א בן זכר, אבער דער רבי מיט זיין גרויסע עניוות האט גלייך געזאגט, ווער בין איך צו מבטיח זיין קינדער, דער באשעפער וועט דיר שוין העלפן,

איין יאר פסח ביינאכט האט דער גבאי ר' ישעי' גע'גנב'ט דעם אפיקומן ביים רבין, און ווען עס איז אנגעקומען צפון האט ר' ישעי' געזאגט צום רבין, איך געב נישט צוריק דעם אפיקומן, נאר אויב די רבי איז מיר מבטיח מיט זש"ק, אבער דער רבי האט געזאגט פארן גבאי'ן, וואס מיינסטו, איך קען דען מבטיח זיין קינדער, ווער בין איך, אבער ר' ישעי' האט זיך געהאלטן ביי זיינס, אז ער גיבט נישט צוריק דעם אפיקומן אן קיין הבטחה, ביז עס איז געווארן 15 מינוט בעפאר חצות, וואס דער רבי האט זייער מקפיד געווען צו עסן דעם אפיקומן בעפאר חצות,

די רעבעצין האט זיך געבעטן ביי איר הייליגען מאן, אז ער זאל געבן דעם הבטחה, ווייל זי וויל זייער עסן אפיקומן פאר חצות, דאן האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צו די רעבעצין און זאגט איר, די בוסט דאך דער טאכטער פונעם הייליגען טאהשער רבי זי"ע, געב די אים א הבטחה פאר קינדער, און אזוי וועט מען קענען עסן דעם אפיקומן, האט די רעבעצין געזאגט איך וועל געבן דעם הבטחה, נאר אויב די בוסט אויך מסכים,

האט דער צדיק געזאגט "גוט", האט די רעבעצין געפרעגט וואס מיינט די ווארט גוט, האט דער הייליגער רבי געזאגט "אין צוועלף חדשים וועט ער מאכן א ברית", די קומענדיגע יאר איז געווען א שנה מעוברת, און עס איז פאר ר' ישעי' געבוירן געווארן א בן זכר ז' אדר ב' דעם יארצייט פון רבי אייזיקל קאלובער זי"ע, און דאס ברית איז פאר געקומען ביום הפורים, וואס דאס איז געווען אויפן טאג 12 חדשים, ויהי לפלא,

יענעם יאר ביים יארצייט פון רבי אייזיקל מקאלוב זי"ע ווען דער עולם האט געהערט דעם גרויסן מופת, זענען הונדערטער אידן געקומען בעטן א ברכה פונעם רבין, אבער ער האט געזאגט פאר די אידן, עטס מיינט אז איינמאל איז מיר געלונגען צו ברענגען א ישועה, מיינט דאס אז איך קען דאס טון כסדר, אבער עס איז דאך געקומען צענדליגע צדיקים צום יארצייט, גייט צו די צדיקים און בעט ביי זיי פאר א ישועה, ווייל דער רבי האט באמת געהאלטן, אז ער האט נישט דעם כח צו ברענגן ישועות פון גרויס עניוות,

הרה"ח רבי אליקים יודא גרינוואלד ז"ל די טאטע פונעם פה מפיק מרגליות הרה"ח רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, איז געווען א תלמיד פונעם הייליגען באר מנחם מקאלוב זי"ע, און ער איז געווען גאר שטארק מקושר צו זיין גרויסן רבין, ער פלעגט כסדר פארן צו זיין רבין אויף די ימים טובים,

איין יאר איז ער געפארן אויף שבת סליחות צום הייליגען באר מנחם זי"ע, און ער איז נאך שבת אריין מיט א קוויטעל צו זיין רבין, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער באר מנחם זי"ע מיט זיין גרויס עניוות נישט געוואלט נעמען קיין קוויטלעך, אבער פון זיינע תלמידים האט ער יא גענומען א קוויטל, און דער ר' אליקים יודא ז"ל האט זיך ביי זיין רבין מזכיר געווען, אז אזוי ווי ער וועט נישט די יאר קומען אויף ראש השנה קיין קאלוב, האט ער מקדים געווען צו קומען יעצט שבת סליחות, זיך צו וואונטשן און בענטשן צום נייעם יאר,

דער הייליגער באר מנחם זי"ע קוקט אריין אינעם קוויטל, און זאגט פארן תלמיד ר' אליקים יודא בזה"ל, "צוויי מיידלעך האסטו שוין, יעצט וועט זיין א יונגעלע", איבעריג צו זאגן, אז צום יאר איז פארן תלמיד ר' אליקים יודא געבוירען געווארן זיין ערשטע בן זכר, און דאס האט דער צדיק געזען מיט זיינע הייליגע אויגן אינעם קוויטל,

הרה"ח ר' אליקים יודא גרינוואלד ז"ל האט דערציילט, אז ווען ער האט געלערנט אין קאלוב ביים הייליגען באר מנחם זי"ע, האט דארט געוואוינט א גלח א גרויסע רשע מיטן נאמען "מארנע", און דער רשע האט שטארק פיינט געהאט די אידן, און מיט זיין גרויסע שנאת ישראל האט ער כסדר געפייניגט די ארטיגע אידן, און מען האט גאר אסאך געליטן פון דעם רשע,

יענע צייט האט דער הייליגער באר מנחם זי"ע געלערנט מיט די בחורים אין ישיבה א שיעור אין יו"ד הלכות טריפות, און ער איז דאן אנגעקמען צו די הלכה פון הלכות טריפה (יו"ד סימן ל"ו ס"ה) וואס רעדט ארום לגבי "מורנא אין די ריאה", וואס דאס איז די הלכה אויב מען טרעפט ווערים אין די לינגען פון א בהמה, איז די בהמה טריפה, וויבאלד די בהמה קען נישט אזוי לעבן, און דער הייליגער באר מנחם זי"ע האט עטליכע מאל איבער געזאגט די ווערטער "מארנע אין די ריאה, מארנע אין די ריאה",

די בחורים די תלמידים פונעם הייליגען באר מנחם זי"ע האבן גלייך פארשטאנען אז זייער גרויסע רבין דער באר מנחם זי"ע פאראבעט דא גרויסע זאכן קעגן דעם רשע מארנע, לפלא א קורע צייט שפעטער האט מען געהערט, אז דער גלח דער רשע איז קראנק געווארן אויף א מחלה, וואס דער אינעווייניגסטער חלק פון זיין קערפער איז געווארן ווערעמיג, און נישט אסאך נאכדעם האט דער רשע דער גלח גע'פגר'ט, און די אידן אין שטאט האבן געהאט מנוחה,

הרה"ח רבי ארי' לייביש גראס ע"ה האט דערציילט, אז בשנת תרצ"ב האט ער זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער, איז ער דאן געגאנגען צו זיין רבין דער הייליגער באר מנחם זי"ע שבת קודש ביים טיש, און בשעתן טיילן שיריים, האט דער הייליגער באר מנחם געגעבן פאר ר' ארי' לייביש א שטיקל קוגל, און דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "דורך די קוגל, זאלסטו זיין פטור פון זייערע קוגעל", לפלא דעם קומענדיגן דינסטאג ווען ער האט זיך געשטעלט צו די מיליטער, האט מען אים באופן נפלא באפרייט פון די מיליטער,